STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02464

MEYLETS YOYSHER

Abraham Goldfaden

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרייז 10 סענט.

Montreal

מלין רוּשער

אָדער

רבי יאזעלמאנן

א היסטאָרישע אָפּערא פון דיא גזירות פון עלזאַס
אין 5 אקטען און 23 בילדער

פערפאַסט פון

א. גאָלדפאַדען.

היברו פּאבלישינג קאמפאני,
87־85־83 קאנאל סט., ניו-יאָרק.

HEBREW PUBLIS ... NY,
83-85 Canal St

1703

פערזאָנען

קעניג קארל דער פינפטע.

אולריך ריכטער פון האָכפעלדען.

בראנד בירגערמייסטער פון אָבערנהיים.

פאָגלער זיין סעקרעטער (קורזיכטיגער).

קונץ פאן-דער-ראָזען האפנאר בייא קעניג קארל.

פפעפערקאָרן.

רבי יאָזעלמאַנן פאָרשטעהער דער יודען אין דייטשלאנד.

אהרן פאן אורבים באנקיער.

שרה זיין טאכטער.

ברוך פון טאָל־עדאָ איהר ברייטיגאם.

רבי מאָזעס פאָרשטעהער דער יודישען קולטוס.

רבי יאָזעף געמיינדע—ראטה אין פראנקפורט אם מאין.

בעדינטער דער סינאגאָגע.

געזאנדטער פון אָבערנהיים.

יאָהאן אנפיהרער דער בויערן.

פאָלץ איין בויער.

ריכטער.

קערקערמייסטער.

מאטראָסע.

פירסטען, גראפען, ריטטער, פאזשען, ריכטער, יודען, בויערן, סאָלדאטען, פאלק

ארט דער האנדלונג:

אין פראנקפורט אם מאין — אין אָבערנהיים.
לייצטער אקט — אין וואָרמס.

צייט דער האנדלונג:

דער מיטטע דעם זעכצענטען יאהרהונדערט.

בילדער

ערשטער אַקט.

דאס 1טע בילד דיא טרויאונג אין דער סינאגאָגע.
דאס 2טע בילד דיא גזירה פונ'ם תלמוד.
דאס 3טע בילד דיא פארשטעלטע פיקנער.
דאס 4טע בילד דיא רעטונג דער היילינען ביכער.

צווייטער אַקט.

דאס 5טע בילד שאט ניט!
דאס 6טע בילד רבי יאזעלמאנס מאָראל.
דאס 7טע בילד דיא ענטפיהרונג פון דעם קערקער.
דאס 8טע בילד ברוך מתיר אסורים!

דריטער אַקט.

דאס 9טע בילד דאס פייגעלע אין שטייגעלע.
דאס 10טע בילד דער שימעלדיגער קורצזיכטינער.
דאס 11טע בילד אין טאָדעס געפאהר.
דאס 12טע בילד דער אויפשטאנד דער בויערן.

פיערטער אקט.

דאס 13טע בילד דיא בויערן פעסט.
דאס 14טע בילד דער געפאנגענע העכט.
דאס 15טע בילד דיא לוסטיגע ציגיינערין.
דאס 16טע בילד מיין שבועה גילט ניט.
דאס 17טע בילד דער געטליכע איבערפאל.
דאס 18טע בילד דאס רעטונגס שיפעל.

פינפטער אַקט.

דאס 19טע בילד קארל דער פינפטע ביים רייכסטאג אין ווארמס.
דאס 20טע בילד רבי יאָזעלמאן פערטהיידיגט דיא יודען.
דאס 21טע בילד דער האפנאר.
דאס 22טע בילד דיא געפונענע טאָכטער.
דאס 23טע בילד א ישועה אויף יודען.

17.03

ערשטער אקט.

(שטעללט פאר דאס איננערע פון איין אלטפראנקישער סינאגאגע אין פראנקפורט אם מאין—אין דער מיטטע שטעהט איין עסטראדע פון ביידע זייטע מיט טרעפ—אין דיא פיער קאלאנען פון דער עסטראדע ברעננען ליכט. דיא גאנצע סינאגאגע איז אילומינירט—אויף דער עסטראדע, וועלכע איז איבערגעדעקט מיט אבאלדאחין, שטעהט דער חתן ב ר ו ך — נעבען זיין מחותן א ה ר ן רבי מאזעס, רבי יאזעף און פיעלע אנדערע יודען—לינקס נעבען ברוך'ן שטעהט זיין כלה ש ר ה עסטליך געקליידעט, נעבען איהר ביז אראפ דיא טרעפ שטעהען פרויען ווייס געקליידט מיט ליכט אין דיא הענד—וועהרענד דער פארהאנג געהט ארויף זינגט דער קאנטאר מיט דעם קאהר:

קאהר דער וואס איז דער גרעסטער איבער אללע
דער זאל יעצט בענטשען חתן וכלה.

קאנטאר דער וואס בענשט דעם טאג, ווען ער שטעהט אויף
און דיא זון, ווען זיא געהט נאר ארויף.

(סאלא) אויף דעם הימעל און פלאנעטען אללע,
דער זאל בענשען חתן וכלה. (קאהר ווידערהאלט)

דועט ווער עס בענשט דעם שעהנעם פריהלינג, ווען ער קומט צו געהן,
ווער עס בענשט דיא ראזען ווען זיי בליהען שעהן.

סופראן און אלט דער זאל בענשען יעצט אללע
דעם חתן מיט דער כלה.

קאהר ווער עס שיקט אויף דער וועלט דעם רעגען
ער זאל בענליקען דיא נאטור,
דער זאל שיקען יעצט זיין זעגען
אויף דעם נייעם ליעבענד פאאר!
ער זאל דעם בונד
יא מיט געזונד
רהאלטען אויף גאנץ לאנג—
זיך האבען ליעב,
און ביי זייא אין שטוב
זאל מען הערן נאר געזאנג.—

(דער שמש טהוט אקלאפּ פון דרויסען טהיר קומט אריין פּפּעפּערקאָרן גייסטליך געקליידעט, נאך איהם פּאנגלער מיט אראללע אין דער האנד, דער גאנצער עולם קוקען זיך אן און שווייגען.)

פּפּעפּערקאָרן (צו פאנגלערן) הערר פאנגלער! לעזען זיא פאר דעם קעניגליכען דעקרעט! —

פּאָנגלער (לעזט אין דער ראָלע) איין ערלאס פאָן נאטטעס גנאדען אונזערעס קייזערס ווענן דער גאנצען יודישען געמיינדע בעשטימט: דא, איין עהעמאליגער יודע מיט נאמען פּפּעפערקארן, עס ניכט לעננער מיט שטיללשווייגען איבערגעהען קאנן, דאס אין דען ראבבינישען שריפטען נעמליך: אים תלמוד, צווייא דייטינקייטען געגען אונזער גלויבען פערברייטעט זינד—

פּפּעפּערקאָרן (פארגלאצט דיא אויגען) וועה, וועה!—

פּאָנגלער (לייענט ווייטער) דער פראָזאליט האט דאהער דיא קייזערליכע גנאדע אנגעפלעהעט, איהם צו געשטאטען "זעמטליכע ביכער דעס תלמוד'ס צו קאָנפעסצירען און פערברענגען—

ללע (ברעכען דיא הענד) וועה איז אונז! —

פּאָנגלער שאט ניט!—(ער לייגט ווייטער) דאהער מיססען זעמטליכע העברעאישע ביכער דער יודען דייטשלאנד'ס דעם פּפּעפּערקאָרן איבערליפערט ווערדען אום צו פערברענגען—שאט ניט —

רבי מאָזעס גנעדיגער הערר! קענט איהר אונז נישט צייט געבען אום בייא זיינער מאיעסטעט, דעם קייזער גנאדע צו ביטען?—

פּאָנגלער שאט ניט!—נאָר דאס קען איך ניט, וויל דער בעפעהל איז דייטליך און קלאהר געשריעבען—שאט ניט—

פּפּעפּערקאָרן (הערויסגעהענדיג) מיר וועללען זיך נאך שפעטער זעהען — איבערלעגט דאס אייך! (אב)

פּאָנגלער (איהם נאכגעהענד) מיר וועללען זיך נאך שפעטער זעהען — שאט ניט! (אב)

רבי מאזעס אזוי איין אונגליק — יודען! לאָמיר קלעהרען וואס אנצופאנגען.. וועה איז אונז יודען ביטטער און שלעכט!

(זינגט סאלא) דאס איז איין אונגליק נאר אומגערעכט!

נאָ זאָגט וואס הייבט מען אָן דאָ צו טאהן? (קאהר וויעדערהאלט)

רבי מאָזעס מיר דארפען אללע גערען

אין איינעם גוט באקלערען,

(סאלא) פון דעם גזר דעם שווערען
ניבער לויז צוא ווערען,
פאן דער שלעכטער גזירה
ביטערע און שווערע,
ס'איז דאך אין עבירה
אז אונזער זיסע לעהרע:
דיא הייליגע גמרא,
דיא ריינע און דיא קלאהרע,
אונזערע עטרה
איז דאך אין א צרה!......

קאהר ניין ניין מיר דארפין דאס נישט דערלאזען! (?)

רבי מאזעס (פראזא) אלזא מיינע ברידער! ווער זאל דיא ביטטע ברענגען צום קייזער? —

רבי יאזעף מיר דארפען וועהלען פאן אונז איינע דעפוטאציאן—

רבי מאזעס אבער ווער זאלל דער רעדנער זיין?

רבי יאזעף מיינע ברידער! מיר דאכט עס וואלט געווען ראטהזאם מיר זאל־לען שיקען איינע דעפוטאציאן צוא אונזער בעליעבטען געלערנטען רבי יאזעלמאן — און איהם בעטען ער זאל זיין דער מליץ יושר; וויל ער איז זעהר אנגעזעהן און בעליעבט ביים קייזער — בעשטעהט איהר מיינע ברידער? —

אללע מיר בעשטעהען!

ר' מאזעס גליקליכער געדאנק! צו רבי יאזעלמאן! צו רבי יאזעלמאן! און גאט וועט שיקען זיין מלאך פאראויס ער זאלל בעגליקען אין זיין שליחות—אלזא מיינע ליעבע פארשטעהער! צו רבי יאזעלמאן! —

אללע (אבגעהענד אויסער אהרן שרה און ברוך) צו רבי יאזעלמאן! (אב)

אהרן (געהט צו צו דיא חתי כלה) זארגט ניט מיינע קינדער! זארגט נישט מיין טאכטער וואס דיא חתונה איז שוין צום צווייטען מאל געשטערט געווארען ווע דאס איז א זיווג מן השמים וועט עס ניט פעהלען—אויך דוא מיין ליעבער ברוך זארג ניט—דאס אונגליק וועט באלד פאראיבער געהן, ווען רבי יאזעלמאנן וועט זיך נור פאר ווענדין אין דער זאך—שטערט אייך נישט אייער פערגנינגען. (אב)

שרה (צו ברוך'ן) נא, וואס שטעהסטו אזוי בעטריעבט מיין ליעבער? דוא האסט דאך מיך געלערנט: געדולד — בטחון.

ברוך יאָה—געדולד, בטחון!—אלס געטרייער יוד פון מיין אמונה טראָג איך איבער אללע צרות,ליידען גזירות, וואס קומט אויף אונז אללע יודען בכלל נאר אלס מענש, אלס הייסליעבענדער יונגערמאנן, וואָס מיין גאנצעס דענקען, שטרעבען זאָגאר לעבען הענגט אָפּ פאָן דיין מילדען בליק, פאָן דיין זיסען הויך, איז שווער איבער צו טראָגען, צו זיין אזוי נאָהענט נעבען דיר און דאָך אזוי ווייט....

שרה איך מוז דיך יעצט הייגען מיט דער מעדיצין, וואס דוא האָסט געהיילט מיין פערוואונדעטעס הערץ—הער אויס! (זיא זינגט)

שטענדיג ווען איך מיט מיין שמערץ
בלייב מיר איינע אליין,
הער איך, וויא מיין ביטער הערץ
קלאָגט מיט א געוויין:
ווען וועלען זיך מיידען
מיינע ליידען,
אָה! עס איז שוין דיא העכסטע צייט, דיא העכסטע צייט....
טרייסט דיך, טרייסט דיך מיין נשמה!
זוך אין גאָט נאָר דיין נחמה!
האָף צו איהם! זיין הילף איז שוין ניט ווייט—שוין ניט ווייט!—

ברוך (זינגט) יאָה! עס איז ניט באשערט—קיין זאך געשטערט ניט פאר דער צייט
פיעל מאָל איז מיין גליק געווען זאָ נאָה און דאָך זאָ ווייט,
עס האט זיך געמאכט
ניט איין טאָג און נאכט
וואָס איך האב געטראכט:
איך זאָל שוין דערלעבען
צו הערען פון דיין ליעבען
יאָה מונדע, דיא שטונדע, סעקונדע אין איינעם צו זיין (שרה ווידערהאָלט)

דועט נאָר אזוי זיך פיהרען:
ניט קיין מוטה פערליערען!
וועלען מיר ניט שפיערען
אונזער מיסגעשיק! —
מיר דארפען נאָר איינס שוין:
נאָר אויף גאָט פערטרויען!
וועט ער אונז אויפבויען

אויפ׳ס נייא דאָס גליק —
מענען שנעללע,
אונגליקספעללע,
וועללען צורייסען אונזער בונד,
קען נאָך גערעטהען
גוטע מינוטען
צוזאמענבינדען איהם געשווינד —
יאָה, יאָה, בייא גאָט (3)
יאָה, ביי גאָט קען אלעס מעגליך זיין! —
יאָה, ביי גאָט קען אלעס מעגליך זיין (6)
עס זאָללען נאָר געשווינדער
דיא יודישע קינדער,
פארבעססערן צום גוטען זייער שטאנד
צרות אויפהערן,
מען זאָלל אונז ניט שטערען
שטיל און רוהיג לעבען אין דעם לאנד!
לאָמיר יעצטביידע אין איינעם (2)
לאָמיר ביידע יעצט אין איינעם
איינס דאָס אנדערע זיך טרייסטען (2)
פאסען מוטה (3) יאָה...... נור פאסען מוטה.

דער שמש (אין בעגלייטונג פון אהרן קומט אריין) צווייא אלטע יודען וואנדערער פון ירושלים פרעגען זיך אהער אין שוהל זיי וויללען בענשען חתן כלה און ווינשען זייא ברכה און הצלחה פון היילינען לאנד! — אָט קומען זיי! —

ריטטער אולריך (מיט קונצען קוממען אריין פערקליידעט אלס ארץ ישראל יודען מיט גרויע בערד אין קאפּושאנס אויף דיא קעפּ אולריך זאָגט שטיל צו קונצען:)

נעת דוא אהין רעכטס—פאר רייד זיך מיט אהרנ׳ן און ברוך׳ן און איך וועל דער ווייל דאָ קענען ריידען מיט סארא — (קונץ געהט רעכטס און סודעט זיך מיט אהרנ׳ן)

אהרן (הויך צו קונצען) ברוכים הבאים! ליידער זיינען מיר געשטערט געוואָרען פון דער חתונה.—

קונץ (הויך צו אהרנ'ן) מאכט נישט! — אונזער ברכה מוז אללע צרות פער־ טרייבען (ער לייגט ארויף ביידע הענד אויף אהרן'ס קאפ אין בענשט איהם.

אולריך (בענשט שרה'ן אין רעד צו איהר שטיל) פאר וואס ביסטו אזוי טרויר ג מיין קינד! —

שרה — איך בין גאר נישט טרויריג רבי! — ווען צוויא אונגליקען פאסירען א מענשען, וויס ער נישט, פאר וועלכען ער זאל פריהער זארגען—זארגט מען בעססער גאר נישט! — איבערהויפט אז איין אונגליק איז נישט אזוי גרויס. —

אולריך — וועלכעס רעכענסטו פיר דעם גרעסטען? —

שרה — געוויס דאס אונגליק פון דעם תלמוד פערברענען — וויל דאס וואס מיין חתונה איז געשטערט געווארען, איז א קלייניגקייט! —איז נישט יעצט, וועט שפעטער זיין —

אולריך — ביסטו אלץ ענטשלאסען חתונה צו האבען?

שרה (פערלעגען) ג—גא—נץ גע—געוויס?

אולריך — געוויס? און וואס וועט דערצו דער ריטטער אולריך זאגען אז ער וועט געוואר ווערען אז דוא האסט חתונה געהאט?

שרה (אלץ אין א פערלעגענהייט) וואָ—וואס—געהט—מיך—דען—דער — ריטטער אולריך אָן?

אולריך האסטו איהם דען ניט פערלאקט מיט דיין שעהנהייט? האסטו דען ניט זיין הערץ געוואונען?

שרה רבי! גאט איז מיין עדות אז איך האב עס קיינמאל ניט געטהאן מיט אב־ זיכט—דער ריטטער פערפאלגט מיך שטענדיג מיט זיינער צודרינגליכער ליעבע און וויל גאר ניט אפטרעטען וויפיעל איך טרייב איהם פון זיך — אבער......

אולריך און וואס וועסטו טהון אז דער ריטטער וועט זיך נוקמו זיין א דיר ווענען דיין אונטרייע? —

שרה (שטוינענד) אבער.... אבער... האב איך איהם דען מיין פערשפרעכען געגעבען?

אולריך סארא! נעהם דיך אין אכט!! —

שרה (שטוינענד) אבער, אבער זאגט מיר! ווער זייט איהר וואס איהר רעדט מיט מיר פון אזוינע זאכען, אין דעם ארט און נאך בייא דער שטונדע?

אולריך איך ראטה דיר וועגען דיין טובה — פאלג מיין עצה — דוא זעהסט דאך א פינגער גאָטטעס, וואָס ער האט אויך יעצט געשטערט דיא חתונה — איז דאס ניט א צייכען אז דאס גליק ווינקט דיר אליין צום ריטטער אולריך צו —

שרה (אויפפאלענד) אבער זאָגט נאָר! ווער האָט אייך געמאכט צום שליח איהר זאָלט געהן אין שליחות פון דעם ריטטער אולריך ? ?......

אולריך (נעהמט אן שרה'ן פאר דער האנד און רוימט איהר איין שטיל אין אויער) טאקי איך בין עס דער ריטטער אולריך אליין!! — —

שרה (דערשראָקען) מיין גאָט! — אנטלויפט, אנטלויפט פון דאנען! איך וועל אייך אויסגעבען ווער איהר זייט! —

אולריך איך בין צו אללעמען ענטשלאָססען — אז איך שטעה נעבען דיר האב איך פיר קיינעם קיין מורא—סארא! זאָג מיר דאס לעצטע וואָרט! —

שרה דאָס לעצטע וואָרט: איך קען אייך נישט אין וויל ך אייך נישט קעננען! (זיא רייסט זיך אוועק פון איהם ער ראַנגעלט זיך מיט איהר און רעדט צו זיך שטילל.)

אהרן (הויך צו קונצע) ניין, ניין—איך וועל מיין געלד ניט שענקען—און מאָרגען וועט דעם בירגערמייסטערס זאָהן פון אָבערנהיים אין שולדען־ארעסט געהן פיר מיין געלט — און קונץ דעם שכור וועל איך אויך לאָדען פיר מיין חוב.—

קונץ אבער איך בעט אייך האט מענשליכקייט אין זיך — ווען איהר וועט דאס טאָהן, וועט דער בירגערמייסטער אראָפּ פון זיין שטעלע און קונץ וועט רואינירט ווערן—

אהרן וואָס געהן זיי מיך אָן לאָזען זיי געהן צום טייפעל: מיין געלד מוז איך מאָרגען האבען—נאָר זאָגט מיר ר׳ קרוב! וואס געהט דאָס אייך אָן? ווער האט אייך געמאכט פיר אמליץ יושר פיר דיא פריצים —

קונץ היט אייך פאר דיא פריצים! ווייל איהר — ווייל מיר ווייל איהר זענט מעהר ניט וויא — יודען!—

אהרן (פערלעגנען) נאָ? און איהר ווער זייט? — — הע רבותי; דער מענש קומט מיר עפּעם פערדעכטיג — ר׳ קרוב; ווער זייט איהר? ארויס פון דאנען! — נעהמט איהם!

קונץ (וואַרפט אראָפּ פון זיך דיא באָרד און דעם מאנטעל) האסט מיך דער קענט אהרן? דאָס בין איך! —

אהרן דאָס ביסטו קונץ דער שבור—שמש וארף איהם ארויס (וועהרענד דער שמש וויל צו געהן לויפט צו אולריך ענטקליידעט מיט דער שווערד אין דער האנד) איהר זאָלט דאס נאָר וואגען פערפלוכטע יודען! פיעלייכט ווילט איהר מיט מיר אנפאַנגען ? שאדע, וואָס איך וויל מיין שווערד ניט בעשמוצען מיט אייער בלוט זאָנסט!...... (ווענדעט זיך צו שרה'ן) אונד דוא סארא! אויפס וויעדערזעהן אין איין אנדער פלאַטץ. (אב)

קונץ (צו אהרנ'ן) ממילא איך וועל שוין ליגען אין דער ערד אָבער איך וועל אייך אויך מיט שלעפּען. (אב)

רבי מאָזעס (מיט אללע פאָרשטעהער קומען אן פון איין אַנדערער זייט) נאָ מיינע ליעבע מחותנים! איהר זעהט דאָך אז אין אונזער שטאָדט איז אַ גזירה און איבער דעם קענען מיר אייער חופה נישט ענדיגען איהר מוזט איינסטוויילען צוריק פאָהרען צו אייך נאָך אָבערנהיים — און ווען גאָטט ווירד זיך מרחם זיין און דער תלמוד ווירד בעפרייט ווערדען, וועט איהר קומען אהער און מיר וועלען אייער החתונה מיט דער גרעסטער פריידע פייערן — יעצט מוזט איהר אונז ענטשולדיגען — (אהרן, ברוך, שרה, און נאָך איינינגע מחותנים פון אָבערנהיים נעהן טרויריג אוועק) און איהר מיינע ליעבע ברידער מוזט יעצט קלעהרען איין עצה וויא אזוי זיך מיט דעם אונמענש פפעפערקארן זיך אויסצוגלייכען — ער פאָדערט א גרויסע סומע פון אונז ער זאָל זיין מסירה פון דעם תלמוד צוריקרופען. —

רבי יאָזעף וואו זאָללען מיר נעהמען אזא גרויסע סוממע ? ער מאָדערט צעהן טויזענד גולדען! —

רבי מאזעס מען מוז זעהן זיך מיט איהם דינגען — פיליכט וועט ער עפּעס נאָכלאָזען, וואָס זאָללען מיר טהאָן ? פון רבי יאָזעלמאַנן איז נאָך קיין ידיעה דאָ? —

שמש יאהאנעס פפעפערקאָרן וויל אריין קומען! —

רבי מאָזעס רבותי! מיר זאָללען זיך יעצט ניט איילען אפצומאַנען — ביז מיר וועלען ניט הערען דעם נייעם קייזערליכען דעקרעט! —(צום שמש) לאָז ער אריינקומען!

פפעפערקארן (אין בעגלייטונג פאן פאַנגלערן קוממען אריין—אללע נייגען זיך) נייגט זיך ניט! וואָס טויג מיר דער כבוד, וואס איהר גיט מיר אָפּ — איך וויים דען נישט, אז איהר שילט מיך און האסט מיך אין הערצען. —

פאנגלער דאָס שאַט ניט! —

פ פ ע פ ע ר ק א ר ן זאָגט מיר בעסער, בעשטעהט איהר אויף מיינע תנאים? —

ר ב י מ אָ ז ע ס מיר קענען אייך אזא גרויסע סומע נישט געבען —

פ פ ע פ ע ר ק א ר ן פונפציג טויזענד גולדען אויך נישט? —

ר ב י מ אָ ז ע ס אויך דאָס איז צו פיעל — מיר קענען אייך דערווייל גאָר נישט געבען. —

פ אָ ג ל ע ר גאָר נישט? איז ווייניג —

פ פ ע פ ע ר ק א ר ן איך ראטה אייך רבותי איהר זאָלט אייך מיט מיר פער־גלייכען מיט גוטען — איהר ווייסט דאָך אז איך בין א חשוב ביים קייזער עס וועט אייך ניט העלפען קיין מליץ יושר — גיט מיר צעהן טויזענד גולדען און איך וועל אייערע ספרים בעפרייען. —

ש מ ש (קוממט אריין) רבותי! רבי יאָזעלמאַנן קוממט! (אללע סודען זיך — קוקען זיך אָן.)

ר ב י י אָ ז ע ל מ א נ ן (קוממט אריין מיט א ראָללע אין דער האנד — אין פראנ־צויזישער טראכט פון יענעם יאהר־הונדערט — אללע ניינען זיך פאר איהם — מוזיק פאנגט אָן א רעטורנעללא — שפיעלט נאָך דעם רע_טשעטאטיוו פון רבי יאָזעלמאַנן).

שלום רבותי! — זייט מיר ווילקאָמען! —

איך וועל אייך מעלדען וואו איך וואר און פאָן וואו איך בין געקומען —

איך וועל אייך באלד מיטהיילען: פון דער שלעכטער ביטערער גזירה, — דער אונגעוועהנליכער גזר — האט אויך מיך שטארק בעריהרט —

בין איך דען ניט — דען אויך א יוד! —

איז דען ניט אייער צרה, איז דען ניט אייער ליידען, אויך מיין לייד:

דאָס איז דאָך געוועזען מיין היילינע פפליכט.

פיהל איך דען ניט מיט מיין פאָלק זיינע שווערע ליידען? —

דאנקט זשע פריהער זיינער קייזערליכען מאיעסטעט.

און בעטעט פיר זיין לעבען, בעט! —

וואָס ער איז מיט גנאָדע פולל.

און האט מיט זיין גרויסען חסד צוריקגענומען דעם גזר — נאָט (ער רייכט אי־בער דיא ראָללע דעם פאָרשטעהער).

א ל ל ע (זינגען) געלויבט זאָל זיין גאָט וואָס ער טהוט חסד מיט זיין פאָלק. —

עלמאנן (פראזא) קום איך ניט צו שפעט רבותי? — האט איהר נאך מיט דעם ניט אפגעמאכט (ער ווייזט אן אויף פפעד־פערקארנען) איך האב עבען דעם בירגערמייסטער דען קייזערליכען ערלאס איינגע־העגדיג איבערגעגעבען, אין וועלכען ער בעפעהלט דיא ספרים אייך זאפארט צו־ריק צו געבען! —

פאנלער דאס שאט ניט! —

פפעפערקארן און ווער ביסטו.

רבי יאזעלמאנן (הילט אויף זיין מאנטעל, און בלייבט אין דער אוניפארם אלס קייזערליכער בעאמטער) איך בין א יוד אוים ראסהיים

מיר האבען זיך שוין אמאל בעגעגענט!......

פפעפערקארן (בעטראפען) וועה, וועה! —

פאגלער שאט ניט! —

רבי יאזעלמאנן (צו דיא פארשטעהער) יאה רבותי! איך האב דעם קייזער ערקלעהרט דיא גראסע טיעפע אידעע פונים תלמוד, וואס דער אונוויסענדער מענש האט פערליימדעט — אויך האב איך דעם קייזער גע־זאגט, אז מיר יודען האבען שוין פיעלע צרות איבערגעליטען; מיר האבען אונזער לאנד פערלארען, דאס הויז פאן אונזער גאטט ליגט אין טרימטער שוין פיעלע יאהרען — פון אללע אונזערע אוצרות וואס מיר האבען פערלארען האבען מיר נאר איינס אפגעראטעוועט: — דיא הייליגע תורה! וועלבע איז אונזער איינציגע נחמה אין אונזערע ליידען — זעהר אפט איז יודיש אונשולדיג בלוט פערגאסען געווארען, זעהר אפט זענען דיא קערפער פון אונזערע ברידער, ווייבער און קינדער פערברענט געווארען אויף דעם שייטערהויפען, אבער אונזערע הייליגע ספרים האט נאך קיינער נישט בעריהרט! — קען דען דער געדאנקע פערברענט ווערען? ......

קען דען פון א גייסט בלוט רינען? קערפער קענען צו שטאכען ווערן, לייבער קע־נען צו שניטען ווערן, אבער דיא תורה לעבט אייביג וויא דער גייסט און מאכט זיך פליענעל אריבערצופליהען דור דורות וויא דיא עווינקייט אליין! ...... (געלא־סענער) דער גנעדיגע קייזער האט דיא גזירה צוריק גערופען — געלויבט איז דער אללמעכטיגע, וואס האט צושטערט דיא פלענע פון אונזערע פיינדע. —

פפעפערקארן אלזא — האט איהר מיך ביים קייזער פערקלאגט? —

פאגלער דאס שאט ניט! —

רבי יאזעלמאנן בעוואהרע גאט! — דער כאראקטערצוג פאסט נאר פיר אזוי איינעם וויא איהר זייט — מיר פערטהיידיגען נאר אונזערע רעכטען

פּפּעפּערקאָרן אלזאָ — ווילט איהר מיך טייטען?

פּאַנגלער דאָס שאַט ניט!!

רבי יאָזעלמאַנן בעוואהרע גאָט!—איך פארשטעה אייך!—.... איהר וואָלט בדי געוואָלט איינע קליינע אָרפּייגע פון א יודען בכדי איהר זאָלט קענען גילטין פאר א קליינעם היילינגען מארטירער.... נאָר ניין — יעדער יוד וועט זיך מיאוס'ן אייך צוא בעריהרען מיט דער האנד, וואס ער בע־רירט און קושט דיא ספר תורה. גאָט וועט אייך בעצאהלין פאר אלל דאָס שלעכטע, וואָס איהר האט אונז שוין געוואָלט טהון און פאר אלּעס, וואָס איהר דענקט נאָך אונז צו טהון!.—און אונז—וועט אונזער גאָט ניט פערלאָזען—; יאָה — א נייע צייט קוממט אָן איך הער שוין דאָס רוישען פון איהרע פליגעל..... דאָס איז דיא צייט דער רעפאָרמאציאָן!...... יאָה איך פיהל שוין וויא דיא צייט קוממט אָן, א צייט, וואס מען וועט אונז יודען ניכט מעהר פערפאָלגען פאר אונזער ריינער אין הייליגער אמונה—א צייט, וואָס רעכט און גערעכטיגקייט וועט הערשען אין דער גאַנצער וועלט—אָמן.—

פּפּעפּערקאָרן (הערויסגעהענדיג) וועה, וועה!

פּאַנגלער (געהט איהם נאָך) מיר דאכט, מיר זיינען מיר ביידע אויף צרות— שאַט ניט (אב)

רבי מאָזעס (צו רבי יאָזעלמאַנן) ערלויבט אונז, אים נאמען דער פראנקפורטער יודען געמיינדע, אייך צו דאַנקען פאר דער טובה, וואָס איהר האט אונז געטוהן! —

רבי יאָזעלמאַנן אויב איהר ווילט מיר טהון א טובה, זאָלט איהר מיר נישט דאנקען — איך בין געוועזן ביים קייזער צו בעטען פאר אללע שטעדט, וואס דיא גזירה האט דאָרט געטראָפען, און אז איך האב אויף דעם וועג באַגעגענט אייער דעפּוטירטען, האב איך איהם שוין ערקלערט, אז איך טהוא נאָר מיינע מענשליכע פפליכט אלס טרייער יודישער פאטריאָט, און יעדער וואהרער יוד אָן מיינע שטעללע דאַרף עס אלס הייליגע פפליכט האלטען פאר זיין פאָלק און אמונה צו קעמפּפען.—

געזאַנדטעטער (פון אָבערנהיים קוממט אריין) איך קום עבען געשיקט פאָן אָבערנהיים צו אונזער וואהלטהעטער און רעגירער רבי יאָ־זעלמאַנן!—איהם צו בעטען זיך שנעלל נאָך אָבערנהיים צו בעגעבען! דען דאָרט איז ערשט געשעהן איין אונגליק—: דער קו־ץ האט, אוים ראַבע, א פאלשע מסירה דערלאַנגט אויף דיא דאָרטיגע יודען — און מען האט שוין פיעלע פערהאפטעט:

צווישען זיי אויך ר' אהרן, זיין טאכטער שדה און איהר חתן ברוך — דיא נעמיינדע פון אבערנהיים לאזט אייך דרינגענד בעטען צו קוממען, פיקייכט וועט אייך געלינגען דעם דארטינען בירגער מייסטער זייער אונשולד צו איבערציינגען און דיא אונשולדיגע צו בעפרייען. —
רבי יאזעלמאנן געהט צוריק! — און זאגט דארט איך קום באלד — טרייסט, איינסטווייקען דיא אונגליקליכע זיי זאלען קיין מורא האבען, דען עס דרימעלט און שלאפט ניט איזראעלס וועכטער ער וועט שיקען פריהער זיין מלאך איך זאל מיין שליחות בעגליקען (געזאנדעטער געהט אב) יאה רבותי! אל תירא עבדי יעקב כי לא ינום; ולא יישן שומר ישראל (ער זינגט)

א

דער גרויסער שעפפער פון דיא וועלטען — גאט
האט זיך געקויפט א קנעכט פאר דיא צעהן געבאט,
זיינע גרויסע מעשים אומעדום
צו דערציילען, שיקט ער איהם ארום! —
און אז ס'טרעפט איהם איין אונגליק דארט! —
ווען ער וואנדערט פון ארט צו ארט! —
הערט ער דאס טרייסטענד ווארט:
„האב נישט מורא יענקאניא מיין קנעכט!"
— אזוי זאגט גאט דער גערעכטער —
„פערליר קיין מוטה! עס וועט דיר ניט זיין שלעכט!
„עס דרימעלט ניט דיין וועכטער!! —

ב

נאך יונגערהייט, אז ער האט פארלאזט זיין לאנד,
צו רעטען זיין לעבען פון זיין ברודער עשו'ס האנד:
עלענד אין דער וויסטע איינער אליין
ווערט ער אנטשלאפען אויף א הארטען שטיין! —
ער זעהט אין חלום א לייטער שטעהט, —
און פון היממעל א מלאך צו'ן איהם אראפגעהט —
און ראהמט איהם איין שטילערהייט:
האב נישט מורא. א. ז. וו.

ג

פערפאלגט פון פרעה'ס שטארק מיליטער

לופט ער פאר שרעק צו דעם טיעפען מעער —
פון פאַרענט און פון הינטען גרויס געפאהר.
זיין לעבען איז געהאנגען אויף איין האאר......
פלוצלונג—א ליבלעך קול דערהערט ער:
„ קום קום יענקאַניאַ קום אהער!
„ געה גלייך, געה גלייך אין מעער!
האב ניט מורא . . א. ז. וו.

ד

און ווען מען טרייבט איהם, גיך און געשווינד,
פון א לאנד ארויס מיט זיין ווייב און קינד,
מיט פאַרוויינטע אויגען בלייבט ער שטעהן
ער ווייסט ניט נעבעך וואוהין צו געהן......
פלוצלונג הערט ער וויא א קול רופט אויס:
„ ווין ניט, מאך דיר ניט דרויס!
„ געה, געה, דיא וועלט איז גרויס!!
„ האב קיין מורא יענקאַניאַ מיין קנעכט"
„—אזוי זאָגט גאָט דער גערעכטער—
„ פערליר קיין מוטה, עס וועט דיר ניט זיין שלעכט!
„ עסדרימטעלט ניט דיין וועכטער!!"— (וויל געהן)

רבי מאָזעס (פראזא) רבי יאָזעלמאנן, בעפאר איהר געהט אוועק אין אייער הייליג שליחות צו רעטען דיא יודען פון אַבערנהיים — בעטען מיר אייך אונז צוליעב טהון און טהייל נעהמען מיט אונז אין דער שמחה פון דער בּ:פרייאונג פון אונזערע הייליגע ספרים—זעהט וויא אללע יודען פרויען און קינדער זיינען געקומען אהער מיט אונז אין איינעם זיך צו פרייען (מען זעהט וויא פיעלע יודען פרויען, קינדער, קוממען אן יעדער טראָגט אין דער האנד א ספר).—

רבי יאָזעלמאנן (האלט אין דער האנד א גמרא געהט ארויף אויף דער עסטראדע—פוןביידע זייטען רעכטס און לינקס שטעהן אויסגעשטעלט דאס פאָלק—רבי יאָזעלמאנן זינגט)

פיעל האט יהודה פארלאָרען
פון זיין גוטען שטאנד,
פיעלעס האבען מיר אָנגעוואָרען:
אוצרות, כבוד און לאנד,

איינס איז פערבליבען,
וואס קען ניט גערויבט ווערען—נייז!
וואס טיעף אין דעם הארצען איז דאס פערשריעבען
דאס איז — דיא תורה אליין! —

דועט זיא איז דאך אונזער פראכט
זיא איז דאך אונזער מאכט
זיא איז דאך אונזער פאהן!
וואס קען א שונא אונז טהאן?—

קאהר זיא איז אונזער פראכט,
זיא איז אונזער מאכט,
זיא איז אונזער שעהנע פאהן;
דאס הארץ איז איהר ארט......
פארשטעקט ליגט זיא דארט!......
וואס קען איהר נאר א שונא טהאן!—

קאהר לאמיר איהם זינגען ליעדער,
פרייען זאל זיך יעדער מאן — הא! הא!
(זינגט און טאנצט) מיר האבען אונזער תורה ווידער,
אייביג וועט זיא מיט אונז טאקע זיין! —
זיא איז אונזער פראכט,
זיא איז אונזער מאכט,
זיא איז אונזער שעהנע פאהן!
וואס קען א שונא אונז נאר טהאן! —

(אללע הייבען אויף טאנצענדיג דיא ספרים אין דער הויך וועהרענד דעם פאלט דער פארהאנג.)

ענדע פון ערשטען אקט.

צווייטער אקט.

(שטעלט פאר א קאָרידאָר פון א קערקער—רעכטס א טהיר וואָס פיהרט אין דרויסען—לינקס, א טהיר, וואָס פיהרט צום בירגערמייסטער אין צימער אויף עטליכע טרעפ.— פון ביידע זייטען טהירען ציהען זיך קערקער־ווענדע מיט פערשלאָסענע קלייגע קערקער־טהירעלאַך—אים הינטערגרונד אָ רונדע אַרקע מיט טויער פערזועהען, דורך וועלכען עס קוקט אַרויס דער הימ־מעל—פון יענער זייט טויער אין דרויסען זעהט מען שטעהען אָ וואַך—פון דערזייט טויער אין קאָרידאָר שטעהט דער קערקערמייסטער מיט אָ סך שליסעל אין דער האַנד—ער פראָבירט אָ פאַלטער מאַשין ביים פייער—וועהרענד דער פאָרהאַנג געהט אַרויף—קומט אַריין פון דער טהיר לינקס דער בירגערמייסטער נאך איהם—פאגלער—דער בירגערמייסטער זעצט זיך אויף אָ שטול נעבען אָ לאַנגען טיש, וואָס איז איבער געדעקט מיט גרינעם טוך און אויף איהם שטעהען טינט און פעדער און פיעלע פאפירען ליגען—פאָגלער זעצט זיך וויז—א--וויז נעבען טיש גע־גען בירגערמייסטער.)

בראַנד אזוי, אזוי בלייבט עס! — דיא יודען מוזען אונטער דער פאלטער זייער לעבען ענדיגען — הא? וואָס זאָגסטו מיין געטרייער קאַנצלער?

פאגלער דאָס שאַט ניט!—

בראנד אבוואָהל דיא מסירה, וואָס קונץ האט אויף זייא גענעבען איז נישט אזוי וואהר; נאָר דיא יעצטיגע געלעגענהייט קען מיר זעהר ניצליך זיין—מעגען דיא יודען אומקומען — וואס מאַכט עס אויס? — זייא זיינען דאָך נישט מעהר וויא יודען? הא?

פאָגלער (ערשראָקען אביסעל) שאַט ניט! אָבער גנעדיגער העדר איך האב מודא אז דער שכור קונץ קען נאָך חרטה האבען און זאָל אבלייקענען זיין גאַנצע מסירה!—

בראנד (הויך) וואָס!—

פאָגלער (ערשראָקען) שאַט ניט!—

בראנד קונץ וועט דאך אזא נאר ניט זיין ער זאָל עס טאהן, עס וועט דאָך איהם זיין לעבען קאָסטען—

פאָגלער ע, וואָס מאכט זיך אזא שכור פון זיין לעבען! — אבער, אבער......

בראנד אבער, אבער דיא יודען מוזען פארברענט ווערען (געלאסען) ע — העדר שטאַטס—שרייבער (פאָגלער בייגט זיך א ביסעל צום טיש) איך וויים

אז איהר זייט מיר שטענדיג טרייא געוועזן—איך האב אייך אמאל, צייטענווייז אויך צוגעלאזט א פארדינסטעל—פארשטעהט איהר?......

פאנגלער יא איך פארשטעה...... איין האנד וואשט דיא אנדערע. עס שאט ניט! —

בראנד אט אזוי, אט אזוי! — שעהן, שעהן — ע — ע — איך וויל אייך א געהיימניס פערטרויען: (פאנגלער בייגט זיך אן אויפ'ן טיש — שפארט אונטער דעם קאפ מיט ביידע הענד און הערט אויפמערקזאם) איך האב זעהר א וויכטיגען גרונד צו זארגען אז דיא יודען זאללען מעהר פונים קערקער נישט ארויסקוממען—וויל......

פאנגלער (רוקט זיך ארויף מיט דעם האלבען קערפער אויפ'ן טיש—ליעגענדיג) יאה. וויל......וויל....יאה וויל עס שאט ניט!

בראנד וויל מיין זוהן איז שולדיג דעם אהרנ'ן צווייא טויזענד גולדען און האט איהם נישט צו באצאהלען — און דער יוד וויל איהם פערקלאגען און ברענגען אין שולדענ — ארעסט — אונד ווען דאס געשעהט, בעוואהר'ע גאט! אזוי...... אזוי......

פאנגלער (רוקט זיך ארויף מיט דעם גאנצען קערפער אויף'ן טיש — קוקט אויפמערקזאם צו בראנדען) אזוי...... אזוי...... שאט ניט! —

בראנד אזוי פארליר איך מיין נאמען, מיינע שטעללע. —

פאנגלער (אלץ אויף דעם טיש ליגענדיג) דאס שאט ניט — — נא.... נא! ......

בראנד יעצט אבער, אז עס האט זיך אזוי געמאכט, אז דורך קונצ'ס מסירה זיינען זיי ארייגעפאללען צו מיר אין דיא הענד, האב איך, און מיין זוהן שוין מעהר קיין מורא; דען ארויסלאזען וועל איך זייא שוין מעהר ניט — זייא מוזען דא שטארבען, הא?—

פאנגלער (ליגענדיג מיט דעם גאנצען קערפער אויף'ן טיש אזוי, אז זיין נאז האט זיך פעסט בעריהרט מיט דעם בירגערמייסטערס נאז) יאה; זייא מוזען שטארבען;—דאס שאט ניט;—

בראנד (פאר גרויס שמחה טהוט א שטארקען קלאפ מיט דער האנד אויפ'ן טיש— און טוהט א געשרייא) בראווא!! —

פאנגלער (דערשראקען קעהרט זיך איבער מיט דעם טיש אויף דער ערד.)

בראנד (בעמיהט זיך איהם העלפען אויפצוהויבען פון דער ערד) אבער דערוויל שטארבט איהר נור נישט!—

פאנלער (זיך אויפהייבענדיג) שאט ניט !—.

בראנד אזוי אזוי! נא — מאכט זשע דערוויל פערטיג אללעס דאמיט דיא נעד־שיכטע זאלל איין ענדע נעהמען — איך וועל באלד שיקען נאך דיא ריכ־טער דיא זאך זאל גיך איין ענדע נעהמען — וויא זאגט איהר?—איהר וועט עפעס אויך דערביי פערדינען — הא? —......(אב).

פאנלער פערדינען? דאס שאט ניט! — אר מיט גוואלד נעהמען דאס טויג ניט, וויל מען קען נאך חאפען א פסק א וואוילען און האבען א סוף דערפאר —. (ער זינגט).

1.

א קאסירער וויל זיך לעבען גרויס און — האט ניט
(ער וויזט מיט דיא פינגער אויף געלד.)
ער פרואווט זיך צו בארגען ביי יענעם אויס און פועלט ניט.
חאפט ער אליין אין קאססע אסך — דאס טויג ניט.
חאפט מען און מען ארעטירט איהם גלייך — דאס שאט ניט.

קענסטו ניט מיט גוטען פועלען
זייא זשע ניט קיין נאר!
וועסט נאך חאפען א פסק א וואוילען
און האבען א סוף דערפאר!...... (ער טאנצט זיך צו)

2.

א שווער זאגט צו דעם חתן נדן — און האט ניט!
דיא חתונה דארף באלד שוין זיין — ער פועלט ניט!
דער שווער לאכט איהם נאך נאר אויס — דאס טויג ניט;
דער חתן רייסט איהם דיא באָרד אויס — דאס שאט ניט.
קענסטו ניט.... א. ז. וו.

3.

אין רעסטאראנט עסט זיך איינער אן גוט — און האט ניט!
ער בעט ביים קעלנער א קרעדיט — ער פועלט ניט!
פאר א משכון גיט ער איהם זיין שטאק — דאס טויג ניט!
נעהמט מען פון איהם אראפ דעם ראק — דאס שאט ניט.
קענסטו ניט.... א. ז. וו.

4.

א ווייבעל בעט בייא איהר אלטען פראנט — ער האט ניט.
ער זאל איהר קויפען א בריליאנט — זיא פועלט ניט!
זיא שעלט און שרייט אויף איהם גאנץ הויך—דאס טויג ניט!
דער אלטער הרגעט זיא אן אויך — דאס שאט ניט.
קענסטו ניט...... א. ז. וו.

5.

איינעם האט זיך טהעאטער פערגלוסט — און האט ניט!
ער וויל אריינגעהן נאר אומזיסט — ער פועלט ניט!
גנב'עט ער זיך אריין אליין — דאס טויג ניט!
פיהרט מען איהם ארויס גאנץ שעהן דאס שאט ניט.
קענסטו ניט...... א. ז. וו.

רבי יאזעלמאנן (קוממט אריין רעכטס פון דער דרויסען טהיר—טראגט אין דער האנד א פאס) איין ערלויבנים פון בירגערמייסטער איך זאל רעדען מיט יעדען פון דיא ארעסטירטע יודען מיט וועלכען איך וועל נעמהיג געפינען.

פאנלער (קוקט אן דאס פאפיער) דאס שאט ניט; — מיט וועמען ווילט איהר ריידען? —

רבי יאזעלמאנן מיט דעם יודען אהרן פאן אורבים; —

פאנלער קערקערמייסטער! פיהר ארויס דעם יודען אהרן נומער 4 (ער זעצט זיך צום טיש שרייבען' דער קערקערמייסטער שליסט אויף א טהירעל—עס קוממט ארויס אהרן אין קערקערקליידער—טרויעריג).

רבי יאזעלמאנן (לויפט צו און נעמט ארום אהרנ'ן) וועה! אז איך דארף אייך טרעפען אין אזא צושטאנר.

אהרן קוממט איהר אהער רבי צו זיין אונזער מלאך מושיע?

רבי יאזעלמאנן אז גאט וועט הייסען—פארלויפיג איז דער בירגערמייסטער זעהר אויפגעבראכט, און לאזט זיך נאר ניט ריידען—קוים איך האב געהערט האט דער מסור קונץ זיין מסירה אבגעלייגט מיט א שבועה, דערפאר וועט אייער בעפרייאונג צו געהן צו שווער.... און דערצו! לעבען מיר נאך אין אזא פינסטערער צייט צווישען אזוינע פינסטערע מענשען, וואס קלעהרען נאר מיטלען אונז צו בערויבען, אונז צו טייטען! —

אהרן אָה גאָט! וואס האבען מיר אזוינס געזינדיגט, אז מיר זאָלען דארפען אזוי אפקומען. —

רבי יאָזעלמאנן ווען איהר וועט נאָכדענקען, און זיך אליין אפגעבען חשבון פון אייערע מעשים וועט איהר שוין געפינען דעם טעם, פאר וואָס דער אלמעכטיגער שיקט אויף אייך אן דיא שטראָף!.... זאָגט מיר נאָר — — זייט איהר בעקאנט מיט דעם בירגערמייסטער אָדער—קען ער אייך גאָר ניט......(ער פאָרשט איהם מיט זיין בליק)

אהרן יאָה! — איך פלעג איהם שטענדיג געלד באָרגען און מיר האבען דווקא פריינדליך געלעבט; נאָר דיא לעצטע צייט איז מיר זיין זוהן שולדיג געבליבען א גרויסע סומע און וויל נישט בעצאהלען, האב איך איהם געוואָלט אנקלאגען...... מילא פון דעם שכור קונץ רייד איך שוין ניט, זיין געלד האלט איך שוין לאנג פאר פארפאלען—אָבער—אָבער—

רבי יאָזעלמאנן (פאָרשט איהם דיא גאנצע צייט מיט דיא אויגען און טראכט) מם! מם! — (ענטשלאָסען) הערט אוים רבי אהרן! איהר ווייסט עס און יעדער ווייסט עס אז מיין אמונה, מיין פאָלק איז בייא מיר זעהר טהייער און וויא גערן אפפער איך מיינע אינטערעססע — יאָה, זאָגאר מיין לעבען האב איך נישט איינמאָל איינגעשטעלט און וועל נאָך איינשטעללען ווען עס זיך האנדעלט זיך צו רעטטען מיין פאָלק פון איין אונגליק — איך פערטהיידיג אימּמער דאָס יודענטהום, אבער יודען איז מיר שווער צו פערטהיידיגען; ווייל.... ווייל ער אליין איז זיך שולדיג! — ווייל, ווען ער טוהט א פעהלער וועגען זיינע אייגענע אינטערעסע, פערגעסט ער אז זיין פלעק וועט בעשמירען דאָס גאנצע יודענטהום!..... און פאר דעם „יחיד" וועט ליידען דער „רבים"—דעם ערשטען ביישפּ על האבען מיר געהאט פון „מרדכי," וואס איבער איהם האט מען געוואלט אללע יודען פון שושן אום ברענגען — אונזערע שונאים וויללען נישט וויססען פון „איינעם"—מען בעשולדיגט אונז „אללען!" דארום: אים נאמען דעם יודענטהום אים נאמען פון אונזער חתן, פון אייער איינציגער טאָכטער. וואָס זייא ליידען געוויס איבער אייך אומזיסט — גיט מיר צוריק דאָס וועקסעל! — לאָז דאָס געלד זיין דיא כפרה פאר אייך אללע — איך וועל מיך פּרואווען, פיעלייכט וועט דאָס העלפין — — איך מיין — איהר פאַרשטעהט מיך?......

אהרן נעהמט א היים צו מיר און לאָז אייך רבי מאָזעס ארויסגעבען דאס וועקסעל — און לאָז אייך גאָט העלפען אין אייער שליחות — טהוט וואָס

שנעללער; ווייל מיר האבען שוין קיין כח דיא מארטער אויסצושטעהן (ער נעזעגענט זיך מיט רבי יאָזעלמאנן — דער קערקערמייסטער פיהרט צוריק אהרנ'ן אין פערשליסט איהם.

פאגלער (הייבט זיך אויף פונים שרייב־טיש — נעהט צו רבי יאָזעלמאנן) נאָ, נאָ, נעהט צוריק אריין! —(ער דערזעהט דעם טעות און ענטשולדיגט זיך) ס'שאט ניט! — דארפט איהר נאָך יעמאנדען פון דאנען זאָגט, זאָגט עס שאט ניט! —

רבי יאזעלמאנן שיקט מיר ארויס קונץ פאן—דער—ראָזען! —

פאָגלער קונץ פון שפּירטוס מיינט איהר? — קערקערמייסטער! פיהר ארויס קונץ נומער זיבען הונדערט א האלבס—(פאָגלער וויל ארויסגעהן — בייא דיא טרעפּ, וואס פיהרען צום בירגערמייסטער אין צימער, פאלט ער עטליכע מאָל, ווייל ער דערזעהט ניט — ענדליך געהט ער הערויס.)

רבי יאָזעלמאנן (ווערענד ער דערזעהט קונצען) ענטשולדיגט מיר הערר קונץ, וואס איך האב אייך אהער בעמיהעט — דאס איז וועגען—אייער טובה— איך האב געקענט אייער פאטער—ער איז —

קונץ וואָס דארפט איהר מיר דערמאָנען מיין פאטער! — מיין פאטער איז געוועזן א בראווער פיינער מאנן און איך זיין אייניציגער זוהן, זיין יורש, וועל ענדיגען מיין לעבען אויף דעם עשאפאָט—און אין דעם זיינען דיא יודען שולדיג!

רבי יאזעלמאנן ענששולדיגט מיר הערר קונץ, איך מיין, אז איהר אליין זייט אין דעם שולדיג, וואָס אונשולדיגע מענשען מוזען יעצט ליידען, מענשען, וואָס האבען גאָר נישט געזינדיגט —

קונץ יאָה! וואָס האבען מיך אנגערעדט דיא קירכע צו בגנבענען.—

רבי יאָזעלמאנן הערט אוים הערר סונץ! מיר זיינען דאָ אליין — מיר וועט איהר עס ניט זאָגען — דען איך און איהר ווייסען, אז דאָס איז איין שענדליכער ליגע — איך בין איינער פון דיא געלעהרטע פון מיין פאָלק און ווייס אז זייט יודען לעבען האבען זייא עס ניט געטהאן און טאָרען עס ניט טהאָן — נאָ? וועט דען אייער געוויססען אייך ניט פלאגען, אז דורך אייער בלבול זאָללען געטייט ווערען אונשולדיגע מענשען? —

קונץ אונשולדיגע מענשען! — נאָ נעהמט אָן דעם פאלל, אז דיא יודען האבען שוין נישט געטאָהן דאָס, וואס איך האב זייא פערקלאגט, זיינען זיי דען שוין אונשולדיג? — וועמען האב איך דען מיין אונגליק צו פערדאנקען ווען נישט דיא יודען? — עס איז וואהר — איך בין טאקע געוועז א לייכטזיניגער מענש: וויין

אויף אין שפיעל זיינען געווען מיינע ליידענשאפטען, אבער ווער האט מיר דיא מיטטעל פערשאפט צו דיא ליידענשאפטען ווען ניט דיא יודען — זיי האבען מיר שטענדיג געלד געבארגט אויף וואוכער צינזען ביז דאס הויז איז נישט מעהר מיינס און מיין פרוי און קינד מוזען בעטלען געהען.—

רבי יאזעלמאנן נא? און אין דעם זיינען דיא יודען שולדיג? נארישער מענש! האבען דען דיא יודען אייך זעהר געלד מיט געוואלד אנגעווארפען? איבערלייגט אייך נור גוט ווענט איהר זעהען, אז אייך אליין דארפט איהר פערקלאגען, ניט קיינעם! דען, איבער אייערע ליידענשאפטען, איבער אייער לייכטזינן האט איהר פאשפיעגט דיא וועלט, ווילט איהר נאך יענע וועלט פארשפיעלען דורך איין אומזיסטע נקמה, דורך אזא שענדליכער עיברה מענשען לאזען אומברענגען, וואס האבען אייך קיין שלעכטס געטהאן. —

קונץ וואס, ניט קיין שלעכטס? זייא האבען מיר דאך געלד געבארגט! —

רבי יאזעלמאנן אייך צו שטיטצען אבער ניט געלד צו פערשווענדען, צו פערטרינקען, צו פארשפיעלען! און ווען זיי פארדערן שוין ניט בייא אייך זייער געלד טראכט איהר אוים אויף זייא א שענדליכען ליגען זיי זאללען שטארבען דורך א שרעקליכען טויט? ! —

קונץ נא וואס איז? — זייא זיינען דאך נישט מעהר וויא יודען! —

רבי יאזעלמאנן נא? און יודען זיינען בייא אייך קיינע מענשען? — הערט מיך אוים: וואס איהר האט ביז אהער געזינדיגט ווערט אייך דער טויט מכפר זיין, וועה ווערט אייך אבער זיין ווען איהר ווערט אהין מיט ברענגען דיא שרעקליכע זינד אונשולדיגע מענשען צו טייטען...... זייערע נשמות וועלען אייך נאכלויפען אהין און מיט זייער שרייען און וועה קלאגען וועלען זייא בעשטורעמען דעם טהראן פונים אללמעכטיגען גאטט און וועללען ראכע פאדערן נעגען אייך — עווינע ראכע! עוויג וועללען דיא געמארטערטע אייך פערפאלגען, א געוואלדיגער דורסט ווערט אייערע געדערעם פארברענגען און קיינער ווערט אייך א פרישען טרונק ניט רייכען, הייסע ברעננענדע היצע ווערט אייך גליהען, אייער אייגענע פרויא און קינדער וועללען פארשעלטען זייער פאטער דעם מערדער...... און......

קונץ (געריהרט) הערט אויף! הערט אויף! שווערט איהר מיר צו אז נאך מיין טויט ווערט איהר זארגען פיר מיין פרוי און קינדער זייא זאלען נישט בעטלען געהן, וועל איך פיר דעם געריכט זאגען דיא וואהרהייט און מיין מסירה פיר פאלש ערקלעהרען!—

רבי יאָזעלמאנן ניין, ניין! דאמאלס ווען איהר אליין זאָגען אז איך האב
אייך געוואָלט איבערקופען — איהר מוזט נעשטעהן דיא
וואהרהייט דער וואהרהייטס ווילען! איהר מוזט צוריקרופען אייער מסירה דער־
פאר; ווייל אייער אייגענער געוויססען האט עס דיקטירט איהר זאָלט ניט אויס־
טראַכטען קיין אומזיסטען בלבול אונגליקליך מאכען אונשולדיגע מענשען—נאר אין
דעם פאל ווען איך גאָטט פערצייהען!! —

קונץ אין פון וואנען זיינט איהר אזוי גענוט, הערר יוד? זיינט איהר
דען געווען אויבען אין היממעל און גאטט האט אייך זיינע געהיימניסע
אנפערטרויעט? —

רבי יאָזעלמאנן איך בין אין היממעל ניט געווען, נור גאָט האָט אונז
פאר פיעל טויזענדער יאָהרען פון דעם היממעל טהייל פון
זיינע סודות איבערגעגעבען דורך געטליכע מענשען, וואס האבען פארדינט ער
זאָל זיי ליעב האבען — הערען מיר דען ניט ווען ער בייזערט זיך אויף אונז דורך
זיין בליטץ און דאָננער?! —.... זעהען מיר דען ניט, ווען ער לייבט צו אונז
אראָפּ דורך זיין ליבליכער זונן?!.... פיהלען מיר דען ניט איהם אין אונזער
קאָפּ, אין אונזער הארץ, וואָס ער האט אונז געשיקט דיא מתנה מיר זאלען קענען
פארשטעהען אז מיר זיינען מענשען, נישט קיין ווילדע טהיערע...... אבער
מענשען — נאָר גוטס צו טהון!!....

קונץ אי זיינט איהר א געלערנטער מאנן, הערר יוד! — — נאָ — אויב אזוי וועל
איך אייער גוטען מאָראל פאָלגען, איך וועל מיין פאלש עדות צוריקרופען
חאָטש עס ווערט מיך מיין לעבען קאָסטען. —

רבי יאָזעלמאנן ווען איהר זייט אזוי ענטשלאָסען ווערט איהר לעבען און
אייער פרוי און קינדער וועלען שוין פארזאָרגט זיין.

קונץ און אז איך וועל לעבען, וועל איך מיך בעסערן און אז אהרן מיט זיינען
קינדער וועלען לעבען, וועל איך מיך בעשטרעבען פיר זייערע ליידען גוטס
צו טהאן — הערט אויס! ווען א וואגאבונד בעססערט זיך און ווערט בראוו גיבט
עס שוין קיין פיינערס פון איהם — און דיא בעססערונג וועל איך אייך האבען
צו פערדאנקען; דען אייער מאָראל האָט אויף מיר זעהר געווירקט. —

רבי יאָזעלמאנן שעהן — עס פרייט מיך (ער גיט איהם דיא האנד און
געהט אב).

קונץ יאה דיא מאָראל, דיא מאָראל,
דיא טהוט גוטעס איבעראל!
(ער זינגט)

1

אויף לאנג געדענקט זיך דיא מאָראל,
דיא לאָזט סימנים איבער סימנים ;
האָטש בייא יעדען אָרט און פאַל
האט זיא איין אנדער פנים :
דער קינט אין קערקער איינגעשפאנט
אין קייטען לאנג אהן צאָהל
בלוצלונג — פון דער קערקערס וואנד
ווערט ער בעפרייט אמאָל....
און ווען ער וועט זעהן דיא שפורען
פון דיא קייטען איבעראל ;
אוי וועט איהם ליגען אין זכרון
דיא אייזערנע מאָראל ! —
יאָה דיא מאָראל. א. ז. וו.

2

א יונגער מאן, געהט שפעט ביי נאכט
(ווייל פונים שכנ׳ס ווייבעל האלט ער)
אריין אין שטוב ; ווייל ער טראַכט :
„אין דער היים איז נישט דאָ איהר אלטער !"
דער אלטער האט זיך אויפגעחאפט
און נעהמט זיין שטאָק ארויס.....
און קנאקט איהם, נאָר וואו ער דערטאפט,
אללע ביינער אויס !......
און ווען דער יונגער מאן וועט קרענקען
און זיך אטאפ טהאָן איבעראל......
אוי וועט ער געדענקען :
דיא ביינערנע מאָראל !....
יאָ דיא מאָראל — א. ז. וו.

3

א דאמעלע פריזירט ניט שלעכט
נאָר וויל זיך נאָר ניט שעהמען ! —
זיא לויפט ארום דיא גאנצע נעכט ;

דער רוח ווייסט זיא, מיט וועמען ? —
איהר מאן — פון כעס איז שוין זאט,
ער חאפט זיא אן ביים צאפ,
און רייסט איהר, אלע האר במעט,
מאראליש אוים פון קאפ......
און אז דאס דאמעלע וועט זיך פריזירען
און דא וועט זיין גלאט איבעראל
אוי וועט זיא דאמאלס שפירען
דיא אויסגעצופטע מאראל—
יאה דיא מאראל — א. ז. וו.

4

וואס ביינאכט אין קעך האט געזוכט הערר קוח ?
סען איך אייך ניט זאגען ! —
נאר דאס ווייס איך, אז אויף דער שעה
האט עס זיין ווייב דארט אנגעטראגען
דאס הערציל האט איהר שטארק געקלאפט......
זיא האט זיך באלד געקיהלט......
זיא האט א לאקשענטאפ דערטאפט
און איהר מאן אין קאפ געציעלט......
און ווען דער מאן וועט זעהן א טעפיל
דא דארט און איבעראל......
אוי וועט איהם לינען אין קעפיל
דיא לאקשענטאפ מאראל ! ......
יאה דיא מאראל — א. ז. וו.

(בייא יעדען רעפריין טאנצט ער צו —וועהרענד אויף איהם קלינגען דיא קיי־טען, וואס ער נעהמט אנגעטהאן אויף דיא הענד און אויף דיא פים.)

פאנלער (קומט א־אפ לינקס פון דיא טרעפ) נא, קונץ שאט ניט אז דוא זאלסט שוין אריין אהין (ווייזט צום קערקער.)

קונץ עס וואלט אויך ניט געשאדט אז דוא זאלסט שוין אריין אהין (ווייזט מיט דער האנד אויף דער ערד וועהרענד פאנלער קוקט ארויף) בלינדער הונד דוא זעהסט דען ניט ווער עס שטעהט פאר דיר ?

פאנלער וויא איך בין קורציכטיג קען איך נאך זעהן אז פאר מיר שטעהט קונץ דער שיכר.

קונץ ביסטו טאקע בלינד וויא א הונד — נעהם ארויס דיא אויגען אין דיא הענד, וועל איך דיר ווייזען, אז פאר דיר שטעהט א בראווער פיינער, עהרליכער, מאראלישער מענש: קונץ פאן—דער—ראזען! אויפס ווידערזעהן מיין טהייערער (ער נעהמט איהם ארום מיט דיא קייטען אזוי אז פאנלער פאלט צו דער ערד און ער לויפט אוועק אין זיין קערקער צימער.)

פאנלער (הייבט זיך אויף פון דער ערד) עס שאט ניט! —אומעדום נעהט מיר שלימסזלדיג — פאר זיינע ווערטער האב איך מורא ער קען נאך אברופען זיין עדות און דאן—זענען מיר קאפוט—שאט ניט! —

ריטטער אולריך (קומט אריין פון דער דרויסען טהיר) אין וועלכער צעללע איז איינגעשפערט דאס אידישע מעדכען?

פאנלער ווער זייט איהר?

אולריך (דעקט אויף זיין מאנטעל) זעהט איהר דען ניט? —

פאנלער (נעהט צו נאהענט — דערזעהט דעם ריטטער — דערשרעקט זיך אזוי אז ער לויפט און קעהרט איבער דיא בענקליך — און שרייט מיט א ציטטערענדער שטימע) קערקערמייסטער, פיהר ארויס דאס יודישע מעדכען נומער אכט מיט דרייא פערטעל (לויפט ארויס צומישט דורך דער לינקער טהיר — דער קערקערמייסטער שליסט אויף א טהירעל — ער פיהרט ארויס שרה'ן אין קערקערקליידער געקלייט—זיא דערזעהט דעם ריטטער — דערשרעקט און חאפט זיך צוריק.)

אולריך דוא שרעקסט זיך סארא! האסט מורא פאר מיר? מיינסטו פיליכט אז איך האב אנטהייל אין דיין אונגליק? — וואס קוקסטו מיך אן אזוי בייז? —

שרה (טרויריג) וואס ווילט איהר? הערר ריטטער! —

אולריך שעהנע סארא! איך בעזיטץ דיא מאכט דיר צו עפענען דיא טויערען פון דעם קערקער. — ווילסטו מיט מיר געהן אין מיין שלאסס און לעבען גליקליך, אזוי וועל איך באלד אויס ווירקען ביים בירגערמייסטער ער זאל דעם פראצעס פערניכטען און איהר אללע ווערט פרייא ווערען. —

שרה גנעדיגער הערר ריטטער! ווען עס איז אייך מעגליך אונז אונשולדיגע

מענשען, פון דעם קערקער צו בעפרייען איז דאס אייער פפליכט, אלס מענש, זיך
צו פערוועגדען און רעטטען אונשולדיגע מענשען — נאָר, קיינמאָל וועל איך
דורך איינע זינדע אויסקויפען דיא פרייהייט פון **מיר** און פון מ׳׳נ
איינענע. —

א ו ל ר י ך נאָך רעכענסטו עס פאר א זינדע ווען א מענש, — וואס ליעבט דיך
אזוי, ווינשט דיך צו בעגליקען ? אָה סאָרא ! איבערלעג דיינע ווער־
טער בעזיננע דיך ! —

ש ר ה זייט א י ה ר דען ביים פאָלען זינן און פערשטאנד, אז איהר ווילט אין
פינסטערן קערקער דערווארמען מיט אייער ליעבענס געפיהלע א קאלט,
בעטריבט, בימטער הערץ ?...... א הערץ, וואס האט זיך ניט געעפינט פיר אייך
בייא דער ליכטיגער שיין פון דער זונן, זאל זיך עפפענען פיר אייך אין פינסטערן
קערקער ?.... און ווען איהר מיינט, אז אין דיער פרייהייט וועט מיין
ברוסט פ ר י י ע ר אטהמען פיר אייך, אזוי דאנק איך פיר אזא בעפרייאונג ! —

א ו ל ר י ך דאָ האנדעלט זיך ניט נאָר וועגען דיינער פרייהייט ! -- דאָ האנדעלט
זיך אום דיין לעבען.... דוא וועסט ווערען געשפאנט אויף דער פאָל־
טער !...... אונטער שרעקליכע קוואהלען וועסטו מוזען מודה זיין דאָס, וואס מען
ועט פערלאנגען פון דיר--דער נאָך וועט מען דיך פארברענען. (ער ווייזט איהר
אן אויף דער פאָלטער מאשין.)

ש ר ה און דיא שרעקליכע מערדערייען ווילט איהר, הערר ריטטער, נעהמען אויף
אייער געוויססען ?.... און איהר פארלאנגט נאָך אז איך זאָל ליעבען אזא
פארוואָרפענעם מערדער ! (ערביטערט) ליבער וועל איך אונטער דיא שרעקליכע
מארטער מיין לעבען ענדיגען, איידער עס רעטען דורך איין עבירה !...... בעססער
איז אין אונשולד צו שטערבען נאָמס נאָמען צו הייליגען איידער דאס ביסעל
לעבען אָפצוקויפען פאר א שאנדע אויף ד ע ר וועלט און פאר איין עוויגעס
פארברעכען דאָרט אין הימעל ! —......

א ו ל ר י ך דיין פאטער און דיין חתן ברוך לעבען שוין ניט מעהר !....

ש ר ה (פעסט) איהר ווילט זאָגען: זייא ל י י ד ע ן שוין ניט מעהר, אָבער צי־
לעבען וועלען זייא ערשט אנהייבען איין עוויגעס, זיסעס לעבען אָה ! ליי־
דען — ...... אָה ! וויא בין איך מקנא אזא „נ י ש ט—מעהר—לעבין“....

א ו ל ר י ך אָה אָה, דוא שעהנע מערדערין ! דיינע ווערטער קענען גיכער צורייסען
א הערץ וויא א שפיציגע שארפע מאשין א קערפער !......אָבער דוא—

דוא וועסט מיינע זיין: פרייוויליג אָדער מיט געוואלד (הערויסגעהענדיג) לעבענ־
דיג אָדער טאָדט!...... (אב) (דער קערקערמייסטער פיהרט צוריק אריין שרה'ן.)

בראנד (קומט אריין לינקס, נאך איהם פאָגלער, און פיעלע ריכטער — זייא
זעצען זיך אללע אויס ארום טיש) אלזאָ מיינע הערען דיא זיטצונג
פאננט אָן — הערר פאָגלער הייסט אריינברענגען דעם פעראורטהיילטען ברוך (ער
טהוט א ווינק צום קערקערמייסטער — ער ברענגט אריין ברוך'ן) דוא ווייסט דאָך
שוין אין וואָס דוא ווערסט איינגעקלאגט, אז דוא און דיין שווער אהרן און דיין
כלה סארא האבען אנגערעדט קונצען צו בעננבענען דיא קירבע און אייך דאָס געלד
צו ברענגען וואָס ענטפערסטו אויף דעם?

ברוך עס איז שקר! — איינע פערליימדונג! קיינמאל האבען מיר אזא שענדלי־
כען אויפטראג געגעבען — ניע חאבען יודען א היילינגטהום ענטווייהעט —
זאָל מען מיר קונץ'ן ענטגעגענשטעלען אויג אין'ם אויג—ער וועט ניט האבען דעם
מוטה מיר אזא שרעקליכען ליגען אין פנים צו זאָגען. —

בראנד מען וועט דיך שוין ברענגען דערצו דעם אמת מודה צו זיין—לייגט איהם
אונטער דער פאָלטער!

איין ריכטער שטעהט! מיר דאכט אז פאר אזא פיינליכען מארטער
וואָלט רעכט געווען צוזאממענברענגען דעם אנקלעגער מיט
דעם אנגעקלאגטען. —

בראנד איך בין נישט דער מיינונג ווען עס האנדעלט זיך וועגען חלול השם—
אונטער דער פאָלטער! פיעלייכט וועט ער זיך מודה זיין. —

ברוך (זינגט) הערט מיך אויס! הערט מיך אויס
איידער איהר ווילט מיך פעראורטהיילען (בים)
איידער איך וועל יעצט, איידער איך וועל יעצט צום מארטער געהן.—
אייך איז דאָך אלעס איינס, אלעס איינס,
איך בין דאָך יעצט בייא אייך אין דיא הענד
טהאָן קענט איהר מיר, טאָהן קענט איהר מיר וואס אייער ווילען איז!
הערט נאָך וועניגסטענס יעצט דאָס לעצטע וואָרט: (הייבט דיא הענד אויף)
איך שווער אייך ביי אונזער גאָטט
וואָס ער אללע בעשאפען האט
איך שווער אייך ביי דער תורה יעצט,
וואָס זיא איז בייא אונז הייליג גישעצט

אז מיר זיינען פון דער אומזיסטער קלאגע ריין
אז מיר ווייסען ניט פון דער שענדליכער טהאט—ניין, ניין ניין ! —

שרה (פון קערקער) טרייסט דיך, טרייסט דיך מיין נשמה !
זוך אין גאָטט נאָר דיין נחמה !
האָף צו איהם, זיין הילף איז שוין ניט ווייט—שוין ניט ווייט ! —

ריכטער (קאָהר) דיין יעדעס וואָרט (ביס) איז דאָך פאלש דוא יוד (ביס)
אומזיסט איז דיינע מיהע, דאָ העלפט קיין שבועה.
דאָרט וועסטו מודה זיין דיא וואהרהייט—
יאָ יאָ דיא וואהרהייט — נעה !

בראנד (פּראָזא) פיהרט איהם צו דער פּאָלטער (דער שארפ־ריכטער וויל איהם נעהמען.)

רבי יאזעלמאנן (קומט אן רעכטס) האלט ! איהר וואגט עס ? —

בראנד און איהר וואגט עס איינצודרינגען און אונזער געריכטס זיטצונג — יודע ? —

רבי יאזעלמאנן יאָה, „יודע—“ פעראכטעטער, געפּייניגטער, פערפּאָלגטער יודע ! אבער דער יודע וועט פאָדערן גערעכטיגקייט וואס איהר ווילט אללע גערעכטע אונשולדיגע מענשען ערמאָרדען ! —

בראנד וויא ער וואגט עס ? —

רבי יאָזעלמאנן לאָזט מיך אויסריידען — העדר בירגערמייסטער ! קונץ וויל צוריקרופען זיין פאלשע אנקלאגע—ער האט עס אויך שוין מודה געוועזן: גאָר אנשטאט איהם צו פערהערען לאָזט איהר פּייניגען דיא ארמע אונשולדיגע יודען, אום מיט געוואלד ארויס צו פּרעססען פון זייער מויל דאָס וואס איהר ווילט—..... איך פּראָטעסטירע ! דיא יודען מוזען פרייא ווערען ! אזא בלבול דארף קיינמאָל נישט פאללען אויף דיא יודען (ער ווענדעט זיך צו דיא איבריגע ריכטער) פערצייהעט מיר מיינע העררן ! איך בין בעאמטער זיינער מאיעסטעט דעם קייזערס — איך האב זעהר א וויכטיג וואָרט צו ריידען מיט דעם העדר בירגערמייסטער וואָס ניעמאנד דארף הערען (בראנד טהוט א ווינק—דיא ריכטער געהן ארויס—אויף פאגלער) העדר בירגערמייסטר ! איהר ווייסט דאָך, אז איך בין אויך קייזערליכער בעאמטע, און פיר אייערע דראהונגען האב איך וועניג מורא — פיעל מעהר דארפט איהר פאר מיר מורא האבען — נעהמט אָן דעם פאלל, אז איהר האט שוין דיא איינינע אונשולדיגע יודען ערמאָרדעט —

בערעבענט אבער, וואס איך קען דאן ערוואַרטען אז דיא זאך וועט אנקוממען צום קייזער.—......

בראנד און איהר וועט עס טאָהן? —

רבי יאָזעלמאַנן מיר יודען ווילען קיינעם קיין שלעכטעס טאהן — מיר פערטהיידיגען נאָר אונזערע אינטערעססען דארום איז מיין ראטה: זייט ליעבער אָפען געגען מיר...... מיר ווייסען דאך, וואס אייך האט בעוואָגען צו אונטערשטיצען קונץ'ן אין זיין פאלשער מסירה...... (ער בייגט זיך אָן מיט א שטילען טאָן) אייער זוהן היינריך....

בראנד (בעטראָפען) וואס? — איהר ווייסט?......

רבי יאָזעלמאַנן לאָז זיין איך מערק מיר! — עס איז אלעס איינס: לזאַ..איהר זאָהן האט שולדען נעמאַכט...... פיליייכט קען מען אייך ארויסהעלפען...

בראנד (קוקט זיך ארום — בייז) וואס? ...... איהר ווילט מיך בעשטעכען?

רבי יאָזעלמאַנן (איראניש) חליהה! — דאס בעשטעכען וועט אייך ווענינער וועה טהון וויא דאס שטעכען, וואס איהר שטעכט דיא יודען מיט דיא גליהענדע שפיטצען.—

בראנד אהרן מוז שטערבען! —

רבי יאָזעלמאַנן אבער דאס וועקסעל וועט לעבען!...... עס איז איבערגעגאנגען אין אנדערע הענד......נאָר איך קען אייך פון דער נויט העלפען!......

בראנד ווער וועט מיר קענען דאס וועקסעל צו שטעללען? —

רבי יאָזעלמאַנן אָט האט איהר עס שוין (ער נעהמט ארויס דעם וועקסעל דעם יושר און דעם אמת זוכט איהר דאך!......(ער לייגט דאס וועקסעל אויף דעם טיש).

בראנד (נעהמט דאס וועקסעל און בעהאלט עס בייא זיך) וואס? איהר ווילט מיך בעשטעכען? (סאליד) נאַ...... און ווען מיר ווען דיא יודען בעפרייען מוז דאך קונץ שטערבען פיר זיין פאלשער אנקלאגע! —

רבי יאָזעלמאַנן קונץ מוז אויך גערעטעט ווערן - איהר וועט איהם פערהעלפען פון קערקער צו ענטלויפען......

בראנד (טראכט) מם — רעכט! — איך וועל איהם שיקען פרויענקליידער ער וועט זיך פערקליידען און וועט פרייא קענען ארויסגעהן — שעהן — „הערר פאָגלער" (פאָגלער קומט אריין) מאַכט פערטיג דעם בעפרייאונגס אקט

פיר דיא יודען צום אונטערשרייבען — און איהר רבי יאָזעלמאַנן קומט מיט מיר געפעליגסט אין מיין צימער (דער בירגערמייסטער געהט פאַראויס — נאָך איהם רבי יאָזעלמאַנן שלאָגט זיך אן מיט דעם קורזיכטיגען פאַנגלער — ביידע אב).

פאַנגלער (נעהמט א פאַפיר) שאט ניט—אצינד זעה איך אז איך האב מזל— דאָ וועל איך שעהן פאַרדינען (אב לינקס)

אולריך (קומט אריין רעכטס — מיט א בעדינטען ניט איהם איבער א פאַפיר) אין דרויסען ווארט מיין וואגען — ווערסט נעהמען דאָס אידישע מעד־כען, וואָס מען וועט זיא בעפרייען און זיא אוועק פיהרען צו מיר אין שלאָס — ביז איך וועל קומען זאָל מען סאַראַ׳ן אלע בעקוועמליכקייטען פערשאפען — (אב — דער דינער רייכט דאס פאַפיר דעם קערקערמייסטער, וועלכער שליסט אויף דיא טהיר פיהרט ארויס שרה׳ן — און זאגט איהר: ביסט פרייא! דער טויער פונים קערקער ווערט אויפגעשלאָסען — דער דינער פיהרט ארויס שרה׳ן בייא דער האנד דער טויער ווערט צוריק פערשלאָסען.)

פאַנגלער (קומט אריין לינקס מיט דעם אקט אין דער האנד — געהט צו צום טיש נעהמט אן דאס טינטענפאס—אנ שטאט דאס זעמדיל און באשיט דעם אקט אנשטאט מיט זאמד—מיט טינט און רעדט צו זיך) נאָ! יעצט מיין איך אז איך וועל שוין האבען מזל — דאָ וועט זיך אנהייבען א שמחה אז איך וועל זייא בעפרייען און וועל גוט פאַרדינען — חאטש איך דערזעה ניט אזוי גוט נאָר געלד קען איך נעהמען בלינדערהייט — שאט ניט— (ער טרעסעט אפ דאס פאַפיר אין דער מיינונג אז ער איז מיט זאמד) יעצט לאָמיך בארעכנען: פון א קאָפּ פון א מאַנסביל פינף גולדען און פון א פראַווענצימער צעהן גולדען—שאט נים—אלזאָ פאר אהרנ׳ן פינף—פאר ברוך׳ן פינף — איז צעהן און פאר סאַראַ׳ן צעהן איז צוואַנ־ציג — קערקערמייסטער! (דער קערקערמייסטער קומט צו) פיהר ארויס פינף און פינף איז צעהן און צעהן איז צוואַנציג.—

קערקערמייסטער וואָס מיינט איהר? —

פאַנגלער עע פיהר ארויס דעם יודען אהרן און ברוך און דיא יידין סאַראַ! — פינף און פינף....

קערקערמייסטער דיא יידין סאַראַ איז ביים ריטטער אולריך אין שלאָס, מען האט זיא שוין אהין אוועק געפיהרט — (אב).

פאַנגלער (פרייליך) שאט ניט—נאָך בעססער — זיא איז פאַרליעבט און ווערט אצינד מאַדאם ריטטערין דערפאַר קומט מיר עקסטרא צעהן — יעצט וועל איך צוזאַממענרעכענען מיין געלד: פינף און פינף איז צעהן און צוואַנציג אין

דרייסיג — (דער קערקערמייסטער פיהרט איהם צו אהרן און ברוך זייא שטעלען זיך פוןביידע זייטען) נאָ! הערט אויס וואס איז בעשלאָססען געוואָרען וועגען אייך! — דרייסיג! —

אהרן און ברוך (פערלעגען) אָה מיין הערר וועניג זענען מיר געמארטערט געוואָרען—דיא צאָהל פון אונזערע ליידען זיינין געגוג גרויס.—

פאָנלער ניין דרייסיג — נאָר דרייסיג! — איהר פינף און איהר פינף און אייער טאָכטער צוואנציג — איז......

אהרן און ברוך (ברעכען דיא הענד) וועה איז אונז! —

פאָנלער שאט ניט! — איך וועל אייך אנדערש ניט פאָרלעזען דעם בעפרייאונגס אקט.

אהרן און ברוך (שטוינענד) בעפרייאונג אקט?....

פאָנלער ביז איהר וועט מיר ניט צו זאגען אז איהר מוזט מיר געבען פיר אייך פינף און פיר אייך פינף און פיר סאראַ'ן צוואנציג איז דרייסיג! —

אהרן אָה נישט נאָר דרייסיג נאָר פיר דער בשורה באקומט איהר פון אונז דרייא מאָל אזוי פיעל —

פאָנלער אצינד זעה איך אז איך האב מזל! — הערט אויס וועל איך אייך פאָרלעזען: (ער נעהמט דעם בויגען צום פנים אין וועהרענד ער פארשמירט זיך דאס געזיכט מיט טינט זעהט ער אז דער אקט איז פערדאָרבען) אָבער אומעדום גנעהט מיר שלימזלדיג — יעמאנד האט מיר אויסגעשמירט דעם אקט — נאָ! איך וועל אייך אויסווייניג לעזען: — „לויט דער אונטערזוכונג וועגען דער בעשולדיגונג זיינען דיא יודען: אהרן, זיין חתן ברוך אין זיין טאָכטער סארא פאָן קערקער, פריינעשפראָכען — אונטערצייכענט אייגנעהענדיג בירערמייסטער פאָן אָבערנהיים דרייסיג!“

אהרן אָה נאָטט! מיינע טאָכטער איז אויך פרייא? —

ברוך וואו איז סארא;

פאָנלער ע ע! פאר איהר קומט מיר עקסטרא א מזל טוב — זיא איז באַגליקט געוואָרען — זיא איז געוואָרען למזל איינע ריטטערן — זיא איז שוין ביים ריטטער אולריך אין שלאָסס — שאט ניט! —

אהרן און ברוך (פערצווייפלענד טהוען א פליעסק מיט דיא הענד) וועה איז אונז! —

פאַנגלער (דערשרעקט זיך) אָט הייבט זיך אָן א נייע חתונה — איך זאָג אז איך בין שלימזלדיג —

אהרן אָה מיינע טאָכטער! אונגליקליכע שרה! —

ברוך אָה שרה! עס האבען זיך נאָך ניט געענדיגט דיינע ליידען (ער וויינט).

פאַנגלער שאַט ניט — אָבער מיינע דרייסיג! איך האב געזאָגט -- (ער שלאָגט זיך אָן ביים ארויסגעהן מיט דעם הערייגקאָמענדען:)

רבי יאָזועלמאַנן נאָ מיינע ברידער! ברוך מתיר אסורים! —

אהרן אָה געטליכער מאַן! עס האבען זיך נאָך ניט געענדיגט אונזערע ליידען— מיין טאָכטער שרה איז נישטאָ — דער בייזער ריטמער אולריך, וואָס פארפאלגט זיא שטענדיג האט זיא פערפיהרט צו זיך אין שלאָסס — וועה איז אונז! — (ער וויינט)

רבי יאָזעלמאַנן נאָר קיין מוטה פארלירען! — דאנקט פריהער גאָט פאר אייער בעפרייאונג און פון שרה'ס וועגען האט מיר גאָט נאָך פריהער צוגעשיקט זיין שליח, וואָס ער וועט זיא מציל זיין פון זיינע הענד.... שלעכט איז נאָר ווען אונזערע שונאים זוכען אונז אללע צו בעפלעקען מיט זייערע שענדליכע בלבולים, אָבער ווען זייא גרייפען אָן אייגצעלנע פערזאָנען אי, דאס א קלייניגקייט! — — לאָמיר דאנקען גאָט וואס ער האט אונז ריין געמאכט פון דעם בלבול! איהר זאָלט אויף אימער געדענקען, וואס איך האב אייך געלערנט, וועט אייך שטענדיג גוט זיין איבער צוטראָגען אללע צרות — — איהר זעהט דאָרט וויא אללע יודען שטעהן אין דרויסען און וואַרטען אויף אייער בעפרייאונג! — (הינטער דעם טויער אין דרויסען זעהט מען וויא עס פערזאמלען זיך א מאססע מענשען און קוקען אריין אין קערקער דורך דיא שטאכעטען — זייא גריססען פון וויטענס אהרנ'ן און ברוך'ן.)

רבי יאָזעלמאַנן (נעהמט אָן אהרנ'ן און ברוך'ן בייא דיא הענד אין זינגט:)

וואויל איז דעם מענשען וואס ער האט\
אין זיין לעבען בטחון אויף גאָטט!\
און אז דער מענש האט איהם נאָר יאָ אין זינן,\
וואס קען א שונא איהם טהון?......\
איין זיפץ פאַן הערצען אהין!......\
אהין צום הימעל דאָרט!\
איז דיא ישועה דאָ אויף דעם ארט! —

(רעטשעטאטיוו) ווען דער מענש געהט מיט דעם בלבול,

האט ער קיין מורא פאר קיין אונגליקס־אל —
איממער טראָגט ער זיין טרייסט אין הערץ,
און קען ערטראגען לייכט זיין שמערץ ! —
נאָר מוטה, נאָר מוטה, נאָר מוטה, קינדערלעך, מוטה !
נאָר גוט, נאָר גוט, נאָר גוט, אָה קינדערלעך גוט !

קאהר יאָה מיר פאָלגען גוט דיין תורה !
מיר האבען קיין לייד קיין מודא (פון דרויסען)
האבען מיר ניט ; ווייל מיר לעבען אלע מיט בטחון—נאָר מוטה. א.ז.וו.
לאָמיר לויבען אללע אין איינעם,
לאָמיר זאגען א שבח א שיינעם,
צו דעם, וואס קומט אונז דיא ישועה
זיננט זשע זינגט זשע הלכויה ! ! —
(עם עפענען זיך דיא קערקער טויערען — רבי יאָזועלמאנן מיט רבי אהרן און ברוך געהן ארוים אומרינגט פון דעם פרייליכען עולם — דאס בילד ווערט בע־לייכטעט—מיט אנצינדען)

דער פארהאנג פאלט לאנגזאם.

ענדע פון צווייטען אקט.

דריטער אקט.

(שטעלט פאר א פראכטפאָלען סאַלאָן ביים ריטטער אולריך אין שלאָסס — פיעלע געמיינם — אין בראָנז— פיגורן שטעהען אין דער מענשענגרעססע — אויף א וואנד הייננט דאס ריטטערליכע געוועהר און זיין הערב — אויף א פיעדיסטאל שטעהט א פיגור אנגעטהון מיט א ריטטערליכען שטאָהלענעם פאַנצער און א מעשענעם העלם — נעבען א טיש אין א פראכט־פאָללען מאנטעל זיטצט שרה געקליידעט אין אַ שוו ריץ סאמעט קלייד און געקרויזטען ווייסען טול—קראגען „א—לאַ מאַריע סטוארט“ — איהר קאָפּ אויף איהר האנד געשטיצט, זיצט זיא טרויריג און מאכט זיך גאָרניט פון דיא פאַזשען, מעדכען און בעדינטע, וואס טראגען איהר צו דיא בעסטע שפייזען, שעהנע קליידער גאָלד זילבער בריליאנטען און שמוק, און לייגען איהר פאַר זיא זאל זיך אונטערהאלטען —קונץ אלס פרוינצימער פערקליידעט זיצט נעבען איהר, און צייגט איהר מוטטערליכע צערטליכקייט — זיא ענטפערט ניט! וועהרענד דער פאָר־האנג געהט אויף זעהט מען וויא דיא פאַזשען טאנצען און זינגען ארום איהר:)

קאָהר פרייע דיך, פרייע דיך ליבעס קינד!

פרייליך זיין איז דאָך פאר דיר בעסטער;

דוא ביזט דאָך בייא אונז אצינד,

יאָה, דיא הערשערין פון דיא שלעססער.—

מע כען זעהסט מיר וויזען   מעדכען דיאמאנטען,

דיר פיעל שפייזען......   גאָלד בריליאנטען,

וואס דוא ווילסט נענים נעשווינד!   זאָג ארויס ניך געשווינד!

אזשען בלום און פעדער,   פאזשען טהו נאָר א ווינק,

שעהנע קליידער,   ווערט דאָס באַלד פלינק

נעהם טהו אָן און טראג געזונד: פאַר דיר בעשאפען אצינד! —

שרה (זינגט) ניין, ניין, ניין, ניין, איך דארף ניט דאָס אללעס!......

אומזיסט איז אייער שטעהן!

דאס אללעס קען מיך ניט פרייען—

איך שטעה ניט אום דעם,

דאס איז ניט מיין היים,

איך בין א געפאנגענע, איך בין א געפאנגענע! יאָה!

(רעטשעטאטיוו) הערט מיך נאָר צו:

לאָזט מיך צו רוה

קינדער! — מיט אייער שערץ —
וואס העלפט דאס פרייען א געבראָכען הערץ......
מיט אייער שפרינגען
און זינגען
וועט איהר ניט היילען, ניין, ניין מיין שמערץ! —

קאָהר (וויעדערהאלט: פרייא דיך....ביז ענדע. שטעללען זיך אויף דיא קניע־ זיא טהוט זייא א ווינק—זייא שטעהן אויף.)

איינע פון דיא מעדכען (צו שרה׳ן) און פאר וואס, שעהנע יידין, צער־ שטרייעסטו דיך ניט איין וועניג און ווילסט ניט געניססען דאס גליק? —

שרה מיינט ניט קינדער, אז א יידין איז אזוי אייטעל זיא זאָלל זיך לאָזען בער־ בלענדען פון דעם גלאנץ און רייכטהום פון פאלשע מענשען? — קען דען א נעפאנגענע פייגעלע זיטצען צופרידען אין איהר גאָלדען שטייגעלע?...... מיך קען אייער זינגען און טאנצען ניט צערשטרייען — אייער מזל איז פערשיע־ דען פון אונזער מזל — אונזער מזל זינגט אונז אנדערע ליעדער — אויב איהר וועט נאָר פארשטעהן קענט איהר הערען! —

אללע זינג, זינג! מיר וועלען פארשטעהן.

1.

שרה (זינגט) א ביימעלע האבען אונזערע אָבות אבותינו
אין דער ווילדער וויסטע געפלאנצט! —
מיט פראכט און שעהנהייט האט דאס איינע
פון אללע ביימעלעך, ארויסגעגלאנצט —
אויף דיא וואָרצלען און דיא צווייגען,
זיס וויא טייטלען און וויא פייגען
אזוי וויא אללע פירות פונים לאנד,
אויף דיא קנאָספען און דיא בלעטער —
בירושה פון א פעטער
האבען מיר עס אין דער האנד!......

קאָהר יאָה דאס ביימעלע איז דיא אמונה געוועזען! —
מיר פארשטעהן עס זעהר גוט
און דער פעטער איז דאָך משה אליין! —
דער משל גלייכט זיך שטארק צום יוד. —

שרה פייגעלעך, פרייע, יונגעטשקע, ריינע,
מיט זייערע פעדערלעך א פראכט;
האבען, צווישען די צווייגעלעך די קליינע,
יעדעס זיך א נעסטעלע געמאכט —
דארטען פלעגען זייא פריילעך פליהען,
זינגען שעהנע מעלאדיען
זייא האבען אזש פארהילעכט די וועלט. —
פון דעם פרייליכען געטימעל
האט, דער גערטנער דארט אין הימעל
אויך פאר גרויס פרייד, אנגעקוועלט! —
קאהר יא! — די פייגעלעך זיינען די שבטים געוועזן!
— דאס פערשטעהן מיר זייער גוט —
און דער גערטנער איז דאך גאטט אליין! —
דער משל גלייבט זיך שטארק צום יוד —

3.

שרה ניט לאנג האבען געדויערט די גאלדענע צייטען,
נישט תמיד האט דאס ביימעלע גגליקט —......
ווינטען שלעכטע פון אללע זייטען
האבען שווארצע וואלקען אנגערוקט! —......
דער שטורם און דאס שלעכטע וועטער
האבען אפגעריססען אללע בלעטטער......
דער בליטץ האט עס פארברענט מיט זיין פלאם! —
אללע פייגעלעך פערטריבען....
אין דער ערד איז נאר פארבליבען
דער איינציגער נאקעטער שטאם. —
קאהר יא! — די ווינטען דאס זיינען די פעלקער געוועזן!......
— דאס פארשטעהן מיר זעהר גוט —
געברענט האט דאס בית המקדש אליין! —
דער משל גלייבט זיך שטארק צום יוד.

4.

שרה יעצט זעהט מען די פייגעלעך ארומפליהען,

געפינען קענען זייא ניט קיין אָרט !......
וואו נאָר זייא ווילען זיך א ביסעלע אויסרוהען,
פאַרטרייבען זייא דיא רויב—פייגעל פון דאָרט......
ווילען זייא נאָר אין אן אָרט פערבלייבען,
פליהען אן דיא שווארצע ראבען
און פליקען זייא דיא פעדערלאך אויס !
ווילען זייא עסען נאָר א קערנדעל,
חאפען זייא א פיק אין שטערנדיל
אז ס'רינט פון זייא דיא גאנצע בלוט ארויס !.....
קאָהר יאָ ! —דיא פעדערלאך זיינען זייער געלד און חן ! —
— דאס פארשטעהן מיר זעהר גוט
און דיא ראבען, דאס זענען דיא שונאים אליין —
דער משל גלייכט זיך שטארק צום יוד ! —

5.

שרה וועה דעם, פון זיין היים וואס איז פערטריעבען ! ! —
גוט איז נאָר דיא פייגעלעך און וואויל,
וואס פון דעם בוים איז זייא פערבליבען
א בלעטטעלע א זים אין זייער מויל !...
דיא, וואָס האלטען אין מויל דיא בלעטטער
קענען האָפפען אויף בעססערען וועטטער....
דיא זונן קען נאָך א שיין טהון ! — ווער ווייסט ? !......
דער אלטער בוים קען נאָך אויפבליהען......
יעדעס קען נאָך קומען צו פליהען
צוריק אין זיין רוהיגער נעסט ! ! —......
קאָהר יאָ ! — דיא נעסט איז דאָך ירושלים געווען ! —
—דאָס פארשטעהן מיר זעהר גוט —
דאס בלעטעלע איז דיא תורה אליין —
דער משל גלייכט זיך שטארק צום יוד. — —

קונץ (אלס פרוי געקליידעט, וועהרענד ער נייהט א קלייד) און פאר וואס, שעהנע יידין, ווילסטו ניט עמפפאנגען דאס אללעס וואס מען לעגט דיר פאר ? דער ריטטער אולריך האָט אנגעזאָגט אז ביז ער וועט קוממען זאָלל דיר דאָ גאָר נישט פעהלען, וויל דוא ביסט דיא הערשערין פון דעם שלאָסס ! —

ש ר ה און אז איך בין דיא הערשעריןִ, קען איך דאָך בעפעהלען ! —

ק ו נ ץ גאנץ נעוויס ! —

ש ר ה און אז איך וועל בעפעהלען, וועט מען מיך פאָלגען ! —

ק ו נ ץ גאנץ נעוויס ! —

ש ר ה אלזאָ טהוט מיר דיא טובה און נעהמט דאָס אלסדינג צו און לאָזען זייא אללע אוועק געהן און מיך לאָזען אליין ; ווייל איך בין יעצט אין אזא לאגע אז אליין איז פאר מיר דיא בעסטע צערשטרייאונג ! —

ק ו נ ץ (צו דיא מעדכען) נאָ ? וואָס שטעהט איהר נאָך ? געהט ! (אללע פאזשען און מעדכען געהן אב).

ש ר ה (קעהרט זיך אום און דערזעהט קונצען) נאָ ? — און איהר בלייבט דאָ ? —

ק ו נ ץ יא איך בלייב דאָ ! — איך מוז זיין דיינע געזעלשאפטערין—איך וויים, דוא קוקסט אויף מיר מיט א בליק פון מיסטרויען...... אז דוא וועסט האבען אביסעל געדולד אויסצוהערען מיינע ווערטער וועסטו א נ ד ע ר ש דענקען פון מיר—זאָלסט וויסען, אז איך פ י ה ל און ו ו י י ס דיין לאגע ! — איך פיעל דערפאר ווייל דער איינענער ריטטער האט א מאָל אויך מיינע א שוועסטער פערפיהרט און איך האב איהם ראכע געשוואָרען ! —

ש ר ה נענוג ! — ערלויבט מיר א וואָרט ! — איהר זעהט דאָך, אז דאָס פיינעלע איז שוין געפאנגען אין שטיינעלע — נאָ, וואָס זשע דארפט איהר נאָך אויסשפרייטען אייער נעטץ מיך ווידער צו פאנגען מיט אייערע געטרייע רייד ......

ק ו נ ץ איך האב דאָך דיך געבעטען — געדולד !

ש ר ה יאָ, צו דולדען איז אונזער פאָלק גוט געלערנט.—

ק ו נ ץ יעצט הער פון וואנען איך — ו ו י י ס דיין לאגע : קונץ האט מיר אללעם ערצעהלט — דער פערדאָרבענער מענש, וואָס האט אויף אייך אויסגע־טראכט דעם בלבול, האט זיך געבעסערט דורך רבי יאָזעלמאַנ׳ס מסור—אללעם זאָגט קונץ, קען א מענש מיט זיך מאכען : ער קען זיך טרענקען, ער קען זיך הענ־גען, ער קען זיך שטעכען ; נאר איינס קען א מענש זיך אליין ניט טהון : — „זיך אליין א שפייא טהאָן אין פנים ! “ — קונץ בערייהעט אלל דאָס בייז, וואס ער האט געטהון נעגען אייער פאמיליע און האט זיך נעמאכט צור היילינער אויפגאבע, אייך, דער פאר, דאס גרעסטע אפפער צו ברענגען — ער האט געהערט אין קערקער דאס פערצווייפעלטע געשרייא פון אייער פאָטער און דותן וועהרענד

רבי יאָזעלמאַנן האט זייא בעפרייעט און האבען דיך אויך געזוכט און האבען דיך נישט געפונען. —

ש ר ה (דיא גאנצע צייט מיט געשפאנטער אויפמערקזאמקייט) אָה גאָטט! (פאר־שטעלט זיך דאָס געזיכט אין וויינט.)

ק ו נ ץ נאַר געדולד! — און ווען רבי יאָזעלמאַנן האט קונצען אויך פערהאלפען צו ענטלויפען פונ'ם קערקער — האט קונץ איהם פערשפראָכען אללע מעגליכקייטען אנצוואווענדען ער זאָל דיך געפינען און אָפראַטעווען דיך פון דעם ריטטערס הענד, ווייל א יודען איז שווער צו דעם שלאָסס צו צו קוממען — יעצט, געדולד אין גאָטט וועט דיר העלפען!

ש ר ה רעדט צו מיר איין ענגעל אדער א מענש? — אין אזא צייט, אין וועלכער טהיערע אין מענשען—געשטאלט בעהערשען דיא וועלט, אין אזא צייט, אין וועלכער דיא אנדערע נאציאָנען בענעהען זיך אזוי גרויזאם מיט אונז, זאָלט א י ה ר מיט מיר אזוי ריידען? — אָה! ווען אללע מענשען זאָללען זיין אזוי בראוו — וואס האבען זייא צו אונז? — וואָס פערפאָלגען זייא אונז אזוי? —

ק ו נ ץ געדולד! — איך מוז געהן איך האב נאָך עפעס צו טוהן — (אב)

ש ר ה (זינגט) אָה פאַטער! אָה ליעבער ברודער איך שטעלל מיר פאר אייער לאנגע

ווען איהר זעהט מיך ניט נעבען אייך — —
אָה וועה טהייערע זעעלען,
וויא מוזט איהר אייך יעצט קוועהלען! ביס
פאַטער, ליעבער, טרייער, גוטער און דוא מיין חתן אויך! —
„וועה וועה"! —קרעכצט איהר אוודאי
„וועה וועה"! —דענקט איהר גראדע—
„אוי, אוי, אוי, אוי! וואס קען יעצט ערגעץ זיין מיט איהר?"
ווען איך זאָל וויא א געדאנק שנעלל קענען פליהען,
אדער איך זאל יעצט וויא א וואלקען קענען ציהען.... ביס
וואלט איך גערנע אייךביידע
אננעזאָגט יעצט דיא פריידע:
גאָטט זייא דאנק איך לעבע!
גאָטט זייא דאנק איך לעבע! — יאָה

(ווידערהאָלט פון אנפאנג— נאך בעענדיגונג — געהט אב לינקס אין איהר צימער)

פאנגלער (קומט אריין פון דער דרויסען טהיר — טראָגט אונטער דעם אָרם פאפירען און אונטערן אויער א לאַנגע געגזענע פעדער נעהמט אראָפּ דעם הוט און מיינט אז ער הענגט איהם אויף אן א צוואָק — דער הוט פאלט אראָפּ — ער זעהט ניט — שפּאַנט ווייטער — פארליערט דיא פאפירען פאר שרעק, ווייל ער האט זיך פלוצלונג אנגע־געשלאָגען אָן דער ריטטערס פיגור אין דער מיינונג אז דאס איז דער ריטטער אולריך חאפט ער זיך ערשראָקען צוריק — נייגט זיך טיעף פאר דעם פיגור) גוטען אבענד גנעדיגער הערר ריטטער! — פערצייהעט מיר, וואָס איך בין געקומען אייך צו שטערן — שאט ניט — אזוי וויא מיר האבען געהערט, אז דיא יידין סארא איז בייא אייך אין שלאָסס — דאס שאט ניט! — האב איך עס געהאלטען פיר מיין פפליכט איך זאָל קומען אהער און איהר איבערלעזען דעם בעפרייאונגס אקט (ער טהוט זיך אטאפּ אונטערן אָרם און געפינט ניט דיא פאפירען — שטילל צו זיך) אומעדום געהט מיר שלימזלדיג — אָט האב איך פערלאָרען דיא פאפירען (ער פרואווט זוכען אויף דער ערד — ער געפינט זייא — נעהמט ארום דעם אקט און דערלאַנגט דער פיגור) אָט האָט איהר, הערר ריטטער! דעם אקט אויב איהר ווילט לייענט איהר אליין איבער שאט ניט (ער שטרעקט אויס דיא האנד און דערלאַנגט דער פיגור דעם אקט — ער פאלט אראָפּ אויף דער ערד) לייענט איהר אליין, נאר דאס שכר טרחה געלד וועט איהר מיר איבערגעבען (ער רייבט דיא הענד פערגניגט — פויזע —) לייענט אייך אליין! — — (ער שפּאַציערט איין וועניג אוועק און קומט צו צו א בראָנז פיגור, וואס שטעלט פאר דיא געטטין מינערווא אין מענשען־גרעססע) הא! גוטען אבענד דיר סארא! (ער נייגט זיך) דוא מעגסט געהן הערען דיא גוטע בשורה וואס איך האב דיר געבראכט — (פויזע) וואס פרייעסט זיך נאָר ניט? — (פויזע) וואס? — זיא שווייגט? — עפּעס א גרויס שטילשווייגעניש! נא אויב אזוי וועל איך אויך שווייגען! — (ער טהוט א שמעק טאבאק — נעהמט ארויס א גרויסע קאָלירענדיגע פאטשיילע און שנייצט פייפענדיג דיא נאָז) און פיעלייכט האב איך א טעות געהאט, פיעלייכט איז דאָס גאָר ניט סארא — גאָר איין אַנדער דאמע? שאט ניט! (ער געהט צו נעהנטער — קוקט זיך גוט צו) עס איז גאָר א פיגור! — (ער געהט צו דער ריטטערס פיגור קוקט זיך אויך גוט צו) וואס איז דאָס? — א קאָפּ אָן א ריטטער — א פאנצער אהן א בויך? ! — (וועהרענד ער לאָזט זיך צוריק געהן — קומט אָן קונץ און זעהט פאפירען אויף דער ערד בייגט ער זיך אָן אויפצוקלייבען דיא פאפירען אין דעם מאמענט, פאלט פאנגלער איבער איהם אריבער — וועהרענד ער הייבט זיך אויף) האט איהר געהערט! לויטער פיגורען! — מען פאלט איבער פיגורען — שאט ניט! —

קונץ איהר זאָגט יונגער מאן אז עס שאט ניט! (פאנלער דערהערט א שטימע, שטעלט זיך אין איין עלעגאנטער פּאָזיציאָן) מיר האָט עס יאָ געשאט! — נאָר מיר פרויען האבען א גוט הארץ און פערצייהען! —

פאָנלער אז איהר האט יאָ א גוט הארץ און פערצייהעט מיר וועל איך אייך אויך פערצייהען פון מיין זייט; וויל איך האב מיר מיין זייט דורך איך שעור איבערגעבראָכען — עס שאט ניט — ממ אדאם! ע ע פ—פרייליין! —

קונץ (קאָקעטיש) וויא אזוי זאָל מען ניט פערצייהען אזא שיינעם יונגען מאן וויא איהר זייט?...... (דריקט איהם ביי דער האנד — אפּאַרט) ער וועט האָבען פון מיר א שווארצען סוף! —

פאָנלער (האלט איהם בייא דער האנד מיט פריידע) איך דאנק אייך פיר דעם קאָמפּלימענט — ע מ—מאדאם — ע פ—פריילין! אָה! איך געדענק שוין ניט דיא צייט איך זאָל האלטען אין מיין האנד אזא צארט הענטעלע וויא סאמעט—ערלויבט מיר מ—מאדאם — פ—פריילין איך זאל אייך אויס דריקען מיין דאנק מיט מיינע זיידע ליפּען אויף אייער סאמעטען הענטעלע! שאט ניט (ער וויל א קיש מהון.)

קונץ (חאפּט אוים דיא האנד) אָה.... עס שאט אָבער יאָ איהר פארגעסט אז איך מעג ניט?......

פאָנלער מענט יאָ! פאר וואס זאָלט איהר אייך שטערן אייער פארגניגען? — איהר זייט דאָך אזוי יונג, אזוי שעהן (ליידענשאפטליך).

קונץ (אפּארט) אזא יאהר אויף איהר! (הויך) וואס רעדט איהר יונגערמאן איהר ווילט מיך אונשולדיגעם מעדכען פארפיהרען —

פאָנלער וויא קען איך אייך פארפיהרען, אז ווען איך שטעה נעבען אייך ווער איך צוגענענעלט צום אָרט וויא מיט א טשוואָק — און קען מיך ניט ריהרען וויא א שמיק האָלץ—

קונץ (מיט א שמייכעל) איהר יים א שטן! פון אייער חכמה קען ווירקליך א פרויענצימער אין פערלעגענהייט קומען— זאָגט מיר נאָר, יונגערמאן זייט איהר פערהייראטעט? —

פאָנלער (מיט א שווערען זיפץ) ליידער...... ניין! — עס לויפען מיר אפילו נאָך פיעלע מעדכען; נאר היינט איז א פערדאָרבענע וועלט מען דארף זיך גוט צו קוקען מיט וועמען מען פערבינדט זיך — .... איך האב אבער א מעלה: איך האב א ווייטען קוק!...... און זעה ארוים אז ס'איז נישטאָ איינס א רעכטס — — (צערטליך) אוודאי ווען איך טרעף אָן אין מיין לעבען אז! —......

אזא.....אזוינס וויא איהר זייט (ער וויל איהר טאָהן א קוש—קונץ פארווערטס—דיא שטעלונגען ווערן געוועקסעלט).

קונץ אז איהר זייט יאָ אזוי קלוג ! זוכט זשע אויס א קלוגען וועג מיך פון דעם שלאָסס צו בעפרייען עס וועט אייך אפילו אָנקומען שווער מיך פון דעם שלאָסס בייא נאכט ארויס צו גנבנען — נאָר קוים האט איהר דאָס געטהאָן אזוי באלד איך (מיט אויסגעשטרעקטע ארעמע) אזוי בלייב איך אייביג אייערע ביז אין גרוב (ער קוועטשט אזוי שטארק צו פאָנלערן, אז ער דערלאַנגט אוש, פאר וועה־טיג, א געשרייא.)

פאָנלער (האלט זיך ביים רוקען) אוי! ס'שאט ניט ! יעצט זעה איך ארויס אז איך האב מזל—אוי—ווען דער צופאַל האט מיר געקענט צו שיקען א א שעהן, רייך, אונשולדיג מלאָך'יל וויא איהר זייט— אוי — אז איהר זייט רייך, דאס וויס איך — אז איהר זייט שעהן, דאס זעה איך — אז איהר זייט אונשול־דיג דאס פיהל איך אין דעם קוועטש וואס איהר האט מיר געגעבען אצונד ווען איהר האט מיך ארום גענומען — אוי — אין דעם קוועטש זעה איך ארויס, אז דאָס ערשטע מאל אין אייער לעבען דריקט איהר צו צו'ן אייער ברוסט א מאנספערזאן ווייל דער קוועטש איז אזוי שטארק געווען, אז איהר האט מיר שיעור מיין רוקען איבער געבראכען—נאר ס'שאט ניט ! איהר וועט זעהן וויא מיר וועלען גליקליך לעבען : — (ער זינגט)

וויא טינט וועט פליססען כסדר
מיינע יאהרען מיט דיר ! —
דוא ביסט מיין גענזענע פעדער,
דוא ביסט מיין סטעמפיל—פאפיר ! —
איך שווער דיר בייא מיין קאנצעלייא,
אז איך בין דיר אייביג טרייא !......
איך וויל זאָלסט מיר אויך שווערען !

קונץ איך שווער דיר בייא דיין געזונד,
פאָנלער (ענטציקט) אוי דיא כפרה זאָל איך ווערען,
קונץ (אפּארט) אפילו פאר א משוגענעם הונד !
פאָנלער בעוויז מיר אויך דיין טרייע ?
קונץ טרייע ביז אין דיין טויט ! —
פאנלער מיט דיר בין איך מיך מחיה
קונץ (אפּארט) אזוי וויא מיט זויערקרויט —

(צוזאמען דועט) אזוי, אזוי, אזוי,

לאנגע, לאנגע, לאנגע, לאנגע, לאנג

אזוי וועלען מיר זיך לעבען אין פריידען אין געזאנג.

(וועהרענד זיי טאנצעןווארפט איהם קונץ בלמרשט אום צו דער ערד— און ענטלויפט לינקס—פאגלער הייבט זיך אויף ענדיגט דעם פינאל און געהט צוא, מיט אויס געבּרייטעטע ארמע ארומצונעמען קונץ'ן—פאלט איהם אריין אין דיא הענד— דער ריטטער אולריך, וואס ער איז עבען אנגעקומען רעכטס שטעהט און קוקט אן שטוינענד דיא סצענע—דער ריטטער טהוט איהם א ווארף פון זיך.)

פאגלער (הייבט זיך אויף פון דער ערד) שאט ניט—דאס איז פאר ליעבשאפט א יא — מיינע טהייערע ?

אולריך (שטרענג) וואס טהוט איהר דא אין מיין שלאסס ? אנטווארטעט. —

פאגלער (דערזעהט דעם ריטטער — פאר שרעק הייבט עס איהם אן צו ווארפען — עס ציטטערן איהם הענד און פיס) ב.... וו...... מ......

אולריך (שרייט בייז) וואס טהוט איהר דא בייא מיר אזוי שפעט בייא נאכט — זאג שנעל ! —

פאגלער (אלס ציטרענד—אפארט) אי—איך, הא—האב, נ—זאגט א—אז אי— איך בין שלימממזלדיג (הויך) פע— פע — פערצייהעט מיר הערר ריטטער — אי—איך בי—בין גע—געקוממען לכייענען דדעם בבעפרייאונגס אאקט דעם יודישען ממעעדכען ססאררא !

אולריך פון וואנען ווייסטו אז ביי מיר איז דא א יודיש מעדכען סארא ?—מארש דען איך הייס דיך בינדען ! — (ער מהוט א פליעסק — א דיענער קומט אריין) ווארף איהם אראפ פון דער בורג.

פאגלער ש—שאט ניט (וועהרענד דער דיענער טראגט איהם ארויס) איך האב געזאגט איך בין שלימזלדיג : (אב)

אולריך (אליין) נישטא קיין מענש אויף וועמען זיך צו פערלאזען (פויזע) סארא איז ביי מיר אין שלאסס — ענדליך איז געקומען דער מאמענט ! — יעצט מוז איך הערען דאס לעצטע ווארט ענטוועדער, אדער (ער טהוט א פליעסק —קונץ קומט אריין) פיהר אריין אהער דאס מעדכען סארא (קונץ אב) איך רעד־ בען אז איך וועל יעצט מיט איהר קומען צו אציעל (סארא קומט אריין טרויריג) ענטשולדיג מיר שעהנע סארא, וואס איך האב דיך געלאזט אביסעל ווארטין — איך בעט דיך ! זעטץ דיך דא אניעדער — איך וויל מיט דיר ריידען איין ערנסט ווארט (ער נעהמט זיא אן בייא דער האנד זעצט זיא אניעדער זיא פאלגט

איהם אונגערן — ער זעצט זיך אויף נעבען איהר) סאראַ, שעהנע סאראַ! זאָלסט נישט רעכענען, אז דוא ביסט דאָ אין מיין שלאָסס אלס איינע געפאנגענע — איך בין פיעל מעהר דיין געפאַנגענער! דען, שוין א לאנגע צייט האסטו מיט דיין רייץ מיין הערץ געפאנגען — — מיט דעם שריטט, וואס איך האב דיך געלאָזט ברענגען אהער, האב איך נאָר געוואלט דאָס בעצוועקען, איך זאָלל איינמאָל פיר אללע מאָל פון דיר ערפאהרען, וואָס דוא דענקסט וועגען מיר! — מיין גליק הענגט אין דעם מאָמענט מעהר פון דיר אָפּ—זאָג! ביסטו נאך לאנג געזאָנען, מיט דיינער קעלטע מיך אזוי צו מארטערען? — אָדער, פיעלייכט האט דיין הערץ קיינע מינדעסטע ניינונג צו מיר, אזוי שטעהט דיר דער וועג פרייא — נאר זייא אויפריכ־טיג נעגען מיר!—

שרה איך מיין, אז איך האב אייך שוין איינמאָל ערקלערט אז צווישען אונז שטעהט א שטארקע גרויסע וואנד — דיא טרייע צו מיין גלויבען ריעגעלט מיך ארום וויא א פעסטונג, צו פערהיטען מיינע געפיהלע געגען א מאן פו איין אנדער גלויבען און דער ענטשלוס איז בייא מיר פעסטער וויא דיא שטארקס־טע מויער. —

אולריך איך מיין נישט זאלסט זיך ענטזאָגען פון דיין גלויבען — און וואס מיך בעטריפט, גלויב איך נאר אין איין גאָטט, דאס איז גאָטט דער ליעבע דיינע ווערטער זיינען בייא מיר א הייליגער בוך און דאס אָרט, וויא איך רעד מיט דיר, איז מיין טעמפּעל! —

שרה צו יונג איז מיר מיינע מוטטער אָפּגעשטארבען — מיין פאָטער האט אריין גענומען צו זיך אין שטוב דעם יתום, ברוך—א קינד פון דיא שפּאנישען מאראַנען און האט איהם ביי זיך ערצויגען — זיינע פעהיגקייטען צום לערנען, זיין עדלער כאראקטער, ענדליך דיא געוואָנהייט, וואס מיר זיינען צוזאממען געוואקסען דאס אלעס האט מיין הערץ געפעססעלט און מיין איינציגער וואונש איז געוועזן: ער זאָל זיין מיינער אויף אייביג! — — אלזאָ — דער מאן האט אויס־געפיללט אללע ווינקעלע פון מיין ליעבענד הערץ און ווען איין אנדערער וויל נאָך דארטען א ווינקעל געפינען איז אומזיסט זיין זוכען!......

אולריך שוין צווייא מאל ביסטו אונטער דער חופּה געשטאנען און צווייא מאָל איז דאָס צערשטערט געווארען — איז דאָס דען ניט א פינגער פון גאָטט? —

שרה און ווען אונזער חופּה זאָל זיך צעהן מאָל איבערשלאָגען איז דאס נאָך ניט קיין בעוויז, אז איך מוז ליעב האבען איין אנדערן — איך טראג זיין ליעבע

מיט מיר ארום ווען אין וואו איך בין אזוי וויא דיא שילדקרעטע טראגט מיט זיך איהר פאנצער און דיא ליעבע קען נאָר נעבראכען ווערען מיט מיין לעבען! —

א ו ל ר י ך איך וויים דא ביסט קלוג — דערפאר ווינש איך זאָלסט מיר פאר־ ענטפערן דיא איינע פראגע קען איך דען רעבענען, אז דוא ביסט אזוי קורצזיכטיג זאָלסט ניט בעגרייפען דעם אונטערשיעד צווישען א גהעטטאָ און א פאַ־ לאסט? צווישען ארמוטה און רייכטהום? צווישען שקלאפערייא און פרייהייט? — דעם אונטערשיעד, צווישען איין נפשיל וואס הייסט „ברוך" און צווישען א שטאר־ קען, רייבען אנגנעזעהנעם מאן, וואס טראָגט דעם טיטול גראף און ריטטער ...... און ווען בייא דיר איז דאָס, זאָגאר, קיין אונטערשיעד, אבער דוא זאָלסט האבען א וויעדערווילען, איין אבשייא געגען מיר — דאס איז געוויס אונ־ מעגליך — הא? —

ש ר ה איהר וועט מיר ענטשולדיגען, הערר ריטטער! ניט איינצוזעהן דעם אונ־ טערשיעד פון דיא אללע זאכען, דארף מען ווירקליך זיין צו קורצזיכטיג— נאָר טאקי ווייל איך האב אויגען און פערשטאנד און זעה איין דעם אונטערשיעד שרעקט עס מיך נאך שטאַרקער אפ פון אייך! —...... איהר מוזט שטענדיג טראָ־ גען א שנאה אויף אונז יודען און דיא שנאה איז איינגעפלאנצט געוואָרען נאך קליינערהייט אין אייער קינדערש הערצעלע און אנגעזויגען מיט דער מוטטער מילך אזוי, אז ווען איהר ווערט שוין פיעל עלטער און דיא בילדונג ערפאהרונג און אייער אייגענער פערשטאנד באווייזט אייך אז דיא גאנצע שנאה איז נאר אומ־ זיסט, מוז דאך פאָרט, ביים קלענסטען פעהלער, וואס א יוד בעגעהט געגען אייך —פון אייער מויל זיך ארויס חאפען דיא ווערטער: „בא! ער איז דאך נאָר א שמוציגער יוד!" דאָס אייגענע איז מיט אונז — מיר דארפען אייגענטליך אויך טראָגען א שנאה געגען אייך — נאר אין דעם זייט איהר מעהר שולדיג—שטעלט אייך פאָר, אז ווען א יודיש קינד קומט נאָר צו זיין פערשטאנד וואס הערט ער דען ניט ארום זיך און זעהט ער ניט ארום זיך? — ער הערט וויא מען בעשול־ דיגט זיינע ברידער, אז זייא פערגיפטען ברונענס—ער זעהט דיא טרעהרען פון אונ־ גליקליכע מוטערס וואס איהר רויבט אוועק זייערע טעכטער, ער הערט, פלוצלונג איין אומזיסטיגען בלבול, אז מען שרמארדעט אייערע קינדער; ער זעהט וויא זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער ווערן אונשולדיג געמארטערט אונטער דער פאָל־ טער! ער הערט פלעצליך א בעפעהל, אז ער מוז פערלאָזען זיין היים, זיין

געבורטס־אָרט — מען טריבט איהם ארויס פון דאָרט — מיר לעגען זיך שלאָ־פען אין אנגסט און ערוואכען אין שרעקען, פיליכט האט שוין איינער פון אייך ווידער אויסגעטראכט איין אומזיסטיגען בלבול, און מען חאפט אונז שוין אהן בענות, מען שליעסט אונ אין קייטען און מען ווארפט אונז אריין אין שווערען קערקער! — נאָ? און איהר קענט אייך נאך איינבילדען, אז מיר זאָלען חשק האָבען צו א וואלף דערפאר, וואס ער געהט אנגעטהון אין א ריטטער־פעלל?...... און איהר קענט פערלאנגען אז א יודיש מעדבען זאל דערפאר ארומנעהמען איהר וואלף; ווייל ער האט גאָלדענע ציין?...... אזוינע מלאכים דארף ערשט גאטט בע־שאפען..... און מיר...... און מיר זיינען נאך דערווייל פּראָסטע מענשען — קינדער אזוי וויא—נאָ, לאָז זיין, אזוי וויא—איהר.—

אולריך און אז איך וועל דיר צוזאָגען אז איך וועל זיין איין אויסנאמע און וועל דיין פאָלק אויך ליעבען וויא דיך; וועל איך דאן קענען האפען אז—אז......

שרה נאָ! ווען איהר זאָגט דאס זעלבע צוזאָגען א יודישען מאנספּערזאָן, וואָלט איך עס נאך פיעלייכט געקענט גלויבען — נאר יעצט קען איך—עס אייך גראדע נישט גלויבען; ווייל איהר זאָגט עס צו א יודיש מעדבען וואס הייסט נאך — סארא!......

אולריך אָה סארא! גוטע, קלוגע סארא! קוועהל מיך ניט לענגער! יעה, וויא איך בעט דיך און קניע פאר דיר (ער פאלט אויף דיא קניע) פאר דיר קניעט יעצט קיין ריטטער—פאר דיר קניעט יעצט א קראנקער מענש, וואס זיין הערץ איז פערוואונדעט געווארען פון דיין חן—איין וואָרט פון דיין מויל און דיא בענליקסט אויף אייביג דעם רייכען בעטלער!...... סארא! אָה סארא! גיב ארויס דיין אורטהייל איבער מיין לעבען!!......

שרה נענוג! — שטעהט אויף (ער שטעהט אויף) עס איז שוין ווירקליך לאנג צייט עס זאל איין ענדע נעהמען — — איהר האט מיר פריהער געזאָגט אז איהר זייט מיין געפאנגענער! — שעהן—פון יעצט אן בעפרייע איך אייך!...... איהר סענט פרייא און רוהיג לעבען!...... און מיר וועט איהר ערלויבען א בענלייטער ער זאל מיך צוריק פיהרען צו מיין פאָטער און מיין חתן ברוך וועלען מיר בלייבען גוטע פריינד און מיר וועלען אייך עוויג דאנקבאר זיין.

אולריך (אויפגעבראכט) וו—וו—וואס? צו דיין חתן זאל איך דיך צוריק שי־קען? וו — אָ — אָס? איך זאל לעבען מיט דעם געדאנקס אז דוא

געהערסט איין אנדערען ...... אָה נייִן ! — ליעבער זאָלסטו קיינעם ניט געהערן !
—זאָלסט וויססען, אז פון דעם שלאָסס קומסטו מעהר ניט ארויס ! —

ש ר ה אזוי ! — ווילט איהר דיא מ א כ ט געגען מיר געברויכען עדלער ריטטער ? —

א ו ל ר י ך רוף עס אָן וויא דוא ווילסט — האסטו נישט פערשטאנען אולריך'ן צו ליעבען, וועל איך דיך צווינגען דעם ריטטער צו רעספעקטירען, צו פירכטען ! — דאָ וועט דיך גיעמאנד רעטטען פון מיינע הענד ! —

ש ר ה און אזוי רעדט דער עדלער ריטטער ? — דער פיינער מענש ? —

א ו ל ר י ך (בייז) און אזוי רעדט דער צורייצטע טיגער ! און אזוי רעדט דער עדלער ריטטער נעגען איין הארטנעקיגעס יודישעס געשעפף.... און אזוי רעדט דער ערביטטערטער הא ! הא ! הא !...... (הערצקרעמפפע— און היס־טערישעס לאַכען) הא הא הא אָה מיין גאָטט — אָה וועלכע שאנדע ! (ער לויפט צו צו איהר וויטהענד מיט א דאָלך) שטארב דיא אונגליקליכע ! (האפט זיך צוריק) נאָר, ניין ! —שאנדע ! ניט אזא נידריג געשעפף זאָל דעם ריטטערס שטאלצע קלינג דורכבוייערען, פון דעם הענקערס האנד זאָל דיין קאָפף פאלען ! ! — (ער טהוט א טופ מיט דעם פוס—קונץ קומט אריין) שיק אריין שנעל דעם הענקער ! (קונץ אב) הא? דוא פערגלאצט דיא אויגען צו דיין גאָט ?...... בעט איהם, בעט איהם ! מיר וועלען זעהן וויא דיין גאָט וועט דיך קענען רעטטען פון מיינע הענד !......הא...... אללע מיטעל אנצואווענדען נאָר מיך נישט הערען, הארטנעקיגעס פאלק ! (דער הענקער ערשיינט) ברענג אריין דעם בלאק מיט דעם בייל (הענקער אב) אזוי—יעצט האָסטו נאָך צייט — אנטוואָרטע מיר דאָס לעצטע וואָרט—לעבען אָדער טאָד ?— אנטוואָרטע—לעבען אָדער טאָד ? ! ....

ש ר ה (קעמפפט) — — — — טאָ—אָ—אָד ! ! —

א ו ל ר י ך ט אָ אָ ד ? —אָה דוא געפעהרליכעס טייפעלס קינד, אויסוואורף דער העללע ! ווען דיין לעבען האט בייא דיר קיין ווערטה וואס פאר א ווערטה קען שוין ביי דיר האבען א פרעמד לעבען ?...... אפילו קיין טרעהר לאָזט זיא ניט פון דיא אויגען (דער הענקער שטעלט אנידער דעם בלאק און שטעהט פערטיג מיט דער האק אין דער האנד) נאָ יעצט זעה דיין לעבענדיגעס גראב און פרייע דיך ! — —

ש ר ה נאָ ? — יעצט זעהט איהר, וויא איך האב א י י ע ר פאלש הערץ בעססער דורכגעשויעט וויא איהר מיינט ?...... הא ! — איהר האט געמיינט מיט דעם גלאנץ פון אייער פאנצער צו פערבלענדען מיינע אויגען זייא זאָלען נישט

קענען זעהן אז אונטער איהם קלאפט א הערץ פול טהיערישע לײדענשאפטען?.... איהר שעהמט אייך שטאל׳ ער נאר! וואס איהר קענט ניט בעזיעגען א שוואכעס פרויענהערץ?.... הא! איהר האט געמיינט, מיך ארײן צו חאפען אין אייער גאלדען שטייגעלע מיך מאכען פאר א שפּילכעל פאר אייערע ווילדע לײדענשאפּטען?...... איהר שרעקט מיך מיט דעם טויט? — איהר אליין האט אונז נעלערנט קוקען דעם טויט גלייך אין פּנים און נישט מורא האבען פאר איהם!! איהר אליין האט אונז געלערנט דאס לעבען צו פעראכטען און אונטער דעם שוטץ פון אלמעכטיגען גאט צו זוכען אונזער גליק!! — איהר ווילט חאטש א טרעהר פון מיר זעהן?.... איהר ווילט איך זאל אויס בעטען ביי אייך מיין ארים לעבען, וויא איהר האט ערשט דיא ליעבע בייא מיר געבעטעלט?...... בעוואונדערט אונזערע אויפאפפערונג און בעקלאגט אייער לייכטזינן!. עס איז מיר א שאנדע מיט אייך צו רעדען! — דער טריומפף איז מיינער איך האב געזיעגט!! — (צום הענקער) קום טייערער שליח און בעפרייע מיך פון דעם מערדער...... אט האסטו מיין קאפף! (זיא טהוט זיך א ווארף אויף דיא קניע — און לייגט איהר קאפף אויף׳ן בלאק — דער הענקער הייבט אויף דיא האק — אין דעם מאמענט לויפט אונטער קונץ און חאפט ארויס דיא האק.

קונץ ניין! דיעזען מארד וועסטו נישט באנעהן.—

אולריך (שטוינענד) וואס? אין מיין שלאסס? וואס פאר א רעכט האסטו מיר צו באפעהלען, פרויא!

קונץ (ווארפט אראפ פון זיך דיא פרויען קליידער) קיינע פרוי! — א פראסטער ברודער! —

אולריך (שטוינענד) קונץ?......?

קונץ יאהו! קונץ—פאן—דער—ראזען! דוא קענסט איהם! א גרעסערער וואגאבונד וויא דוא—געוועזען! — נאר זאלכעס האב איך ניט געטהאן! — זיא וועט לעבען!—שטעה אויף סארא! איך האב גאראנטירט פיר דיין לעבען:

אולריך דוא ניעדערטרעכטיגער וואגאבונד! אלס שפיאן און נאך בייא מיר אין מיין שלאס? — שטארב דוא באנדיט (ער ציהט זיין זעבעל געגען קונץ׳ן—קונץ אין איין האנד האלט שרה׳ן מיט דער אנדערער שווינגט ער דיא האק און פערטיידיגט זיך געגען אולריך׳ן. איין סיגנאל—אין דרויסען הערט מען א געשרייא א געלאף—פיעלע בויערן ערשיינען דורך דיא טהירען און פענסטער—מאנכע רינגלען ארום אולריך׳ן און בינדען איהם—אהער מיט דעם טיראן—קונץ חאפט שרה׳ן, לויפט ארויס מיט איהר דורך דער טהיר—דאס שלאסס שטעהט אין פלאמען—אין דעם געטוממעל

פאלט דער פארהאנג.

פירטער אקט.

(נאכט — מאָנדשיין — איינע וואלדגעגענד — אים הינטערגרונד זעהט מען, רעכטס אויף א בארג דיא רואינע פון דעם שלאסס אולריך פאן האָכפעלדען וואס דיא בויערן האבען דיא נאכט צערשטערט—דער בארג מיט דעם שלאסס שפיעגלען זיך אפּ אין טייך וואס רינגעלט האלב ארום דיא געגענד פון דער לינקער זייט—ביים פוס פון דעם בארג שטעהט א טאפּאלע —בויערן און בויערינען, מיט קרענצע געטאָקט, טאנצען וועהרענד דער פארהאנג געהט ארויף — נאָך דעם טאנצען אויף א בערגעל נעבען דער טאפּאלע געהט ארויף דער עלטערער בויער)

יאָהאַן זייט מיר געגריסט ברידער און פריינדע! איהר ווייסט דאָך אללע צו וואָס איך האב אייך גערופען דיא נאכט צו דער פערזאממלונג: איהר ווייסט דאָך אליין אונזער ביטערע לאגע, וויא מיר ווערען אונטערדריקט פון אונזערע קליינע פירסטען רייכע פפאפען און אויך דיא—יודען! צו דעם צוועק האבען מיר צר שיקט געזאנדטע אין עלזאס, שוואָבען און פראנקען, אז אלע אונטערדריקטע ברידער, זאללען זעהן צו דער בעשטימטער צייט וויא מעגליך, זיך צו בעפרייען פון אונזערע אונטערדריקער!——דעם ערשטען שריטט האבען מיר דיא נאכט געמאכט מיט דעם שלאסס אולריך פון האכפעלדען און עס איז אונז געלונגען — און אזוי דארפען דיא איבעריגע טהון: קעמפפען געגען דיא פירסטען, פפאפען און יודען!!

רבי יאָזעלמאַן (אונטער דער ביהנע) נאר ניט יודען! — (אללע קוקען זיך אן שטוינענד, מאנכע לויפען ארויס אין דער ריכטונג פון וואנען זייא האבען געהערט דיא שטיממע—איינער קומט אריין און שלעפּט מיט זיך רבי יאזעלמאנן)

פּאָלץ וויא קומט דער יוד אין אונזער פערזאמלונג? טייטעט איהם (אלע ווילען צו לויפען צו איהם — מיט דיא פויסטען.)

יאָהאַן (שטעלט זייא אפּ) שטעהט! איידער איהר ווילט מאכען דעם שריט, דארפען מיר זיך פריהער איבערלעגען — פאר אללעם דארפען מיר וויסען ווער איז דער שפּיאָן? — קום אהער נעהנטער דוא יוד! און זאָג וויא אזוי האסטו זיך איינגעשטעלט בייא נאכט צו קומען אהער? — איך רעכען, אז דוא וועסט אונז ניט אויסגעבען!......

רבי יאָזעלמאנן בעוואהרע נאָטט! איך בין נאָר געקומען אהער צו רע־טען דאס לעבען פון מיינע ברידער! — איך וויס—איהר זייט יעצט אויפגעבראכט געגען אנדערע און וויס אויך, אז צום ערשטען אָפּפער פון אייער צאָרען וועלען אונזערע ברידער פאלען, דאדורך בין איך געקומען אהער אייך בעטען איהר זאָלט קיין אונשולדיג בלוט פערגיסען — — וואס האבען אייך דען אונזערע ברידער געטהאָן? איהר ווילט קעמפּפען געגען אייערע אונטערדריי־קער! — געהערען דען די יודען אויך ניט צו דיא אונטערדריקטע? — זיינען מיר דען יודען נאָך נישט מעהר אונטערדריקט פון אייך? מיר דארפען דאָך זאָ־גאר קיין אַקערבוי בעזיטצען, קיין האנדעל טרייבען! און ווערען נאָך אונטער דריקט פון אייך, בוירען אויך וואס איהר אליין זייט לייבאייגענע! — און יעצט קומט איהר און פערלאנגט פרייהייט נאָר פיר א י י ך און אונז ווילט איהר אויס שלאכטען?—וואס האבען מיר אייך געטאהן? — מיט וואס שטעהען מיר אייך אין וועג? מיט וואס האבען מיר פערדיענט אייער צאָרען? —

יאָהאן איהר האט קיין רעכטען גלויבען! —

רבי יאָזעלמאנן ווייסט איהר דען, בייא דיעזער צייט, וועלכער עס איז דער רעכטער? איהר אליין זייט אויך דול יעצט: דיא שליסען זיך אָן צו קאטאָליקען, דיא זאָגען לוטער איז בעסער דער זאָגט קאלווין, יענער שרייט צווינגלי—איהר ווייסט יעצט אליין אויך ניט, אויף וואָס פאר א וועלט איהר געהט ארום? — וואס זשע ווילט איהר פון אונז? —

פאָלץ דער יודע האט רעכט! —

יאָהאן ווען מיר וועלען דיך טייטען, וועלען מיר טהון מיט רעכט ווייל דוא ביסט אריין מיט געוואלד אין אונזער פערזאמלונג! —

רבי יאָזעלמאנן רעכט! — נאָ ערפילט זשע פריהער מיינע ביטטע — מיינע ברידער צו פערשוינען — און דער נאָך קענט איהר מיך טייטען! —

יאָהאן וואָס שטעלסטו זיך אזוי ארויס פיר דיינע ברידער? —

רבי יאָזעלמאנן דער גנעדיגער קייזער האט מיך בעשטימט צום רעגיערער און בעפעהלס האבער פון דיא יודען! —

יאָהאן אויב אזוי! — בעפעהל שע דיינע יודען, אז זייא אָלען זיך אנשליע־סען צו אונז — דוא האסט דאך געזאָגט, אז זייא זיינען אויך אזוי אונ־טערדריקט וויא מיר! —

רבי יאָזעלמאנן (פערלעגען — טראכט —) הערר! — — וואס וועט דיא

וועלט זאָגען פון אייך בראווע בויערען, אז מען וועט הערן
אז איהר האט אייך פערבונדען מיט דיא שוואכע פערהאסטע יודען ?......
יאָהאַן דער יודע האט רעכט ! — איהם זאָלען מיר לאָזען לעבען — און מיט קיין יודע מעהר צו טהאָן האבען !
אללע רעכט, רעכט ! איהר האט רעכט ! —
רבי יאָזעלמאנן (אפארט) איך האב זיא דא ארומגעזוכט און זעה זיא ניט — זיא מוז דאך דאָ זיין —....
יאהאן נאָ ? וואס שטעהסטו ? — פיהרט איהם ארויס ביז איבערן וואלד און דאנק גאָט און אונז, וואס דוא ביסט לעבעדיג ארויס ! —
רבי יאָזעלמאנן אייך דאנק איך יעצט און גאָט האב איך פריהער גע־דאנקט, איידער איך בין אהער געקומען ! (צווייא בויערן פיהרען איהם ארויס.)
פאלץ ע ברודער! מיר האבען גאָר פערגעסען אן א וויכטיגער זאך ! — וואו איז ערגעץ דער העכט, וואס מיר האבען דיא נאכט געפאנגען —......
ברעננט איהם אריין ! (פיעלע לויפען ארויס לינקס און ברענגען אריין אולריך'ן גע־בונדען דיא הענד אהינטער).
יאה׳ן נאר נישט טייטען ! — נאָר קיינען איבעראיילטען שריט !! —
פאלץ מיר וועלען דעם העכט אבשאָבען דער נאָך אבקאָכען ! (מען בינדעט צו אולריך'ן דיא הענד אהינטער צו דער טאפאליע—אללע רינגלען איהם ארום שפּעטען, לאַכען פון איהם און זינגען :

קוקט נאר אָן דעם פיינעם העכט !
צוגעבונדען גאָר ניט שלעכט....
פאר זיין שטיקען, (בים)
אונטער דריקען,
אונז צו מאכען פיר דיא קנעכט !
יעצט קוקט איהם נאר אללע אָן ! —
חא ! חא ! חא ! חא !
לאז ער יעצט נור פּריוועו טהאָן ?
חא ! חא ! חא ! חא !
נאָ ? בעפעהל אונז אצונד אויך
אויב דוא האסט אביסעל כח ? !......
חא. חא. חא. חא.

(וועהרענד אלע רינגלען איהם ארום און רייצען זיך מיט איהם — קומט אן קונץ געקליידט אלס ציגיינער און פיהרט שרה׳ן בייא דער האנד אויך פערקליידעט אלס ציגיינערין—שטעלען זיך אַן א זייט.)

ק ו נ ץ (רעדט שטיל צו שרה׳ן) דיא נאכט מוזען מיר שוין דאָ איבערזיצען; ווייל דער וואלד ווערט שטארק בעוואכט — וויא עס ווערט נאָר טאָג פיהר איך דיך אָפּ צו דיינע עלטערען — נאר האלט דיך דערווייל אין דיין ראָלע...... מען זאָל דיך ניט דערקענען...... זייא מונטער, פריילעך! וואס זאל מען טהון? דוא וזט עס איבער קומען! —

פ אָ ל ץ (קעהרט זיך אום) ע איהר ציגיינער! וואס שטעהט איהר און שווייגט וועהרענד בייא אונז געהט צו אזוי מונטער! — קענט איהר עפּעס זינגען, טאנצען אונטערהאלט אונז!! —

ק ו נ ץ דיא ציגיינערין וועט אייך זינגען און איך וועל טאנצען —

א ל ל ע שעהן, שעהן! —

1.

ש ר ה (זינגט) ווען דאס פליגעלע איז אפּגעפּליקט,
נאָ? וויא קען דען דאָס פייגעלע פליהען? —
ווען דיא קנאָספּע איז אָפּגעפּיקט,
וויא קען דען דיא בלומע בליהען? —
וויא קען דען דאָס גלעקעלע קלינגען?
ווען דאס צינגעל פעהלט דארין;
אוי—וויא קען דאָס הערץ דען זינגען?
ווען עס איז דעם גאָר ניט אין זינן: —

ק ו נ ץ (שטיל צו שרה׳ן) פאר וואָס אזוי טרויעריג? — פריילידּ, מונטער!

ש ר ה (נעהמט בייא איהם פון דיא הענד דאס פייקעל—מיט א פרעהליכע מיענע-זינגט און טאנצט:)
הא! הא! הא!
אָבער אז דאס, מענשעלע איז נאָך, אין גלאנץ,
אָבער אז דאָס פיסעלע איז נאָך גאָר גאַנץ,
קען מען דאָך פערשטעהן,
אז מען מוז זיך פרייען,
און איינלאדען דאס
הערצעלע צום זינגען און צום טאנץ!

.2

שרה אָה וואו ביסטו דוא גאָלדענע צייט !

אוועק ביסטו פון מיר וויא א חלום !.....

וואָס ביסטו אוועק פון מיר ווייט

אוי ! מיט דיין רוה און שלום......

ווען דאָס פיסעלע סען ניט שטעהן

וויא קען עס נאָר טאנצען בעליעבט ?

וויא קען דער מענש זיך דען פרייהען ?

ווען זיין הערצעלע איז איהם בעטריעבט !......

קונץ (שטיל) וואס טהוסטו ? — פרעהליכער מונטער !

שרה (גרייפט ווידער דאס פייקעלע און זינגט—וויא פריהער)

פאָלץ שעהן — נאָר אזוי וויא מיר ווילען זיך באלד געהן אין וואלד אריין זיך א אביסעל אונטער פאסען, ווערסטו אונז זינגען עפעס פריילעכערס—ווילען מיר האבען מעהר אפעטיט צום עסען,

קונץ אנדערש קענסטו ניט אפעטיט האבען צו עסען נאָר מען זאָל דיר זינגען — נאָ זינג זינג ציגיינערין עפעס פריילעכעס און מיר ווילען נאך זינגען און נאָכטאַנצען !

שרה (נעהמט דאס טאמבורין זינגט און טאנצט מיט קונצען :)

וויא גוט איז צו זינגען אין א זוממער נאכט ! — טרא לא לא לא

דער מאָנד קוקט אויף אראָפּ און לאכט טרא לא לא לא

און שטערנדלעך אין דער הויך,

בענײדען אונז און טאנצען אויך,

און דער וואלד, דער העלפט אונז צו קאָהר

אונזער שענער מעלאָדיע בים

טאנצט זשע טאנצט זשע אללע אין איינעם

פריילעך קינדער, פרייליך קינדער, מעננער פרויען

(קונץ טאנצט—סאָלאָ—אללע פרייעסקען—אללע טאנצען ארום אין וואלד אריין און שרייען: אין וואלד אריין, אללע אב)

שרה (בלייבט איבער—געהט צו צו אולריך׳ן וועלבער שטעהט נאך צו געבונדען צום בוים) נאָ ? זעהסטו מענש, אז עס איז דאָ א גאָטט אויף דער וועלט ! — א גאָטט וואס באַאַהלט דעם בייזען און רעטטעט דעם אונשולדיגען !—....

אולריך (ניעדערגעשלאגען) האסט רעכט! אצונד קענסטו דיר קיהלען דאס הארץ אין מיר וויפיעל דוא ווילסט; נור איין ביטע האב איך צו דיר: אום מיינע שונאים זאללען מיך לענגער ניט קוועהלען מיט זייערע שפעססע.... און אויך דאמיט דוא זאלסט קענען דיין ראכע אין מיר אויס איבען— טהו מיר דיא איינע טובה: נעהם מיין דאלך און טייט מיך!

שרה אויב עס וועט פאר דיר א טובה זיין. וויל איך עס גראדע גיט טהון; וויל דוא האסט ניט פערדיענט איך אל דיר א טובה טהון!—...... איך דאנק אבער אצינד מיין גאטט, וואס ער האט מיר דיא געלעגענהייט פערשאפט דיר צו איבערציינגען, אז איך האנדעל מענשליכער פון דיר! — אין דעם מאמענט וואו א מענשענס לעבען הענגט אויף איין האר, וויל איך פארגעסען, אז ער האט מיר אמאל שלעכטס געטאהן!...... דוא ביסט א מענש! און דיא הייליגע פפליכט פון יעדען מענשען איז, איינער דעם אנדערן דאס לעבען צו רעטען ווען ער איז אין א געפאהר (זיא געהט צו צום בוים שניידט מיט איהר דאלך איבער דיא שטריק— טהוט א געשרייא) דוא ביסט פרייא! (און לויפט אויף אין וואלד אריין.)

אולריך (וויל נאר זאגען) אה דוא ענגעל (קויפט אונטער א בויער פון דער אנדערער זייט און לאזט איהם ניט אנטלויפען — אולריך ראנגעלט זיך מיט איהם אזוי לאנג ביז ערווארפט דעם בויער צו דער ערד און ענטלויפט לינקס.)

דער בויער (שרייט) פערראטה! א פערראטה!

אללע (לויפען אריין פון דער רעכטער זייט) וואס איז געשעהן?

בויער דער ריטטער האט זיך פונים בוים אפגעבונדען און איז ענטלאפען!—

פאלץ (קוקט זיך צו) ניין! ער אליין האט זיך ניט געקענט אפ בינדען — דיא שטריק זיינען אפגעשניטען! ווער קען דא זיין צווישען אונז דער פעררעהטער?—

יאהאן; איך וועל אייך זאגען, ברידער! אזא זאך איז שווער צו אונטערזוכען — קאמיר אלע פאלען אויף דיא קניע און אפלייגען א שבועה פאר דעם קרייץ, וואס שטעהט דארטען און ווען אללע וועלען שווערן דארפען מיר קיינעם ניט חושד זיין; ווייל איך האף אז קיינער פון אונז ויעט ניט פאלש שווערן (אלע פאלען אויף דיא קניע, רעכטס אין דער ריכטונג צום וואלד—אויסער שרה'ן — יאהאן בעמערקט עס און פרעגט) נא? און דוא ציגיינערין? פאר וואס פאלסטו ניט אויף דיא קניע צו שווערן?—

שרה איהר וועט מיר ענטשולדיגען—מיין שבועה קען גיט גילטען!!......

יאהאן פאר וואס.

שרה מיינע קניע בייגען זיך ניט!...... ווייל איך בין א......

יאהאן א פרויענצימער? — מאכט נישט! פרויען זעהסטו שווערען אויך!

שרה ניין—ווייל איך געהער צו איין אנדער גלויבען (קונץ בלייבט אין איין פעלענ־ הייט—ווינקט צו איהר)

יאהאן איין אנדער גלויבען? — וויא אזוי? —

שרה — — ווייל איך בין — — — א יודין! (קונץ ברעכט פערצווייפעלט דיא הענד)

אללע (הייבען זיך אויף) א יודין ??....הא!

יאהאן אויב אזוי איז נישטא ווייט צו זוכען!—אויף איהר פאלט דער פערדאכט! זיא מוז ווערן! — פעראורטהיילט!

קונץ שטעהט! עס איז אונמעגליך זיא זאל עס טהון — דען דער ריטטער האט זיא פארפיהרט צו זיך אין שלאסס און האט זיא געוואלט טייטין; נאר דער צופאלל פון דעם בויערנאויפשטאנד האט זיא פון זיינע הענד געראטעט—נא? און ווען זיא האט דיא בויערן איהר לעבען צו פערדאנקען, דארפען זייא איהר דאס לעבען ניט רויבען! —

פאלץ פאר וואס האט זיא זיך פערקליידעט? —

קונץ אום זיא זאל רעטען איהר לעבען פון דעם וואוטה דער בויערן און דא דיא נאכט איבער ווארטען ביז אין דער פריה. דאן ווענט זיא אוועק צון איהרע עלטערען! —

פאלץ ניין דיא יודין מוז פעראורטהיילט ווערן! — וואס זאגט איהר ברידער? —

(געזאנג) קאהר ניין קיין רחמנות, ניין קיין רחמנות! פעראורטהיילט מוז זיא ווערן אט דיא יודין!! —

שרה הערט מיך אוים איהר מענשען וואס איך וויל אייך זאגען! —

קאהר יאה, זאג!

שרה האב איך דען א פעהלער פרעג איך בייא אייך — בעגאנגען מיט דעם? —

קאהר נא? וואס זאגט איהר צו דעם! — זיא זאגט נאר בעגאנגען א פעהלער —

שרה הייסט דאס דען, אוי, בייא אייך א פעהלער — א פעהלער הייסט דאס בייא אייך אז איהר האט געוואלט א מענשען אומברענגען און איך האב איהם יאה איך האב איהם געראטעט פון דעם טויט! —

קאָהר נאָ וואָס זאָגט איהר? ווער האָט דיך געבעטען?—איהם דאָס לעבען רע־
טען—נאָ, זאָג, ווער?

שרה נעהמט אָן דעם פאַל: איהר ווילט נעהמען ראַכע,
אין א מענשען, וואָס האָט אייך פיעלייכט שלעכטס געטהון —
האט איהר איהם שון יעצט פאר דער ראכע
גענוג, דאכט מיר, שוין גענוג בייז געטהון!......
האט איהר איהם דען, האט איהר איהם שוין דען ניט,
לעבעדיגערהייט פערצאפט זיין בלוט?......
איז דען דאס ניט געווען פאר איהם דיא גרעסטע נויט?
איז דען דאָס איהם ניט געווען ערגער פון דעם טויט?
נאָ! זאָגט איהר אליין!—

קאָהר פעראורטהיילט מוז זיא ווערען אָט דיא יודין!! —

שרה אוי בערעכענט אייך — בערעכענט אייך איהר לייטע! —

קאָהר דעם טויט דער יודין!! —

שרה אך איהר מענשען איבערלייגט אייך — בעפאר דעם שריט צו מאכען....
איך בעט אייך איבערלעגט דאָס גוט! —

קאָהר ניין, קיין רחמנות פעראורטהיילט מוז זיא ווערן אט דיא יודין!! —

שרה איך זעה ארויס איהר מענשען אז איך בין פערפאללען, איך בין אין דיא
הענד בייא אייך אצינדער זאָ וויא זאָ......

קונץ טהוט מיר צו ליעב מיינע ברידער

שרה פערצייהעט מיר איך בעט אייך

קונץ אָה אָה פערצייהעט,

שרה איך בעט אייך מענשען,

קאָהר ניין, ניין, ניין, ניין! (אין דעם מאָמענט — הערט מען פלוצלונג פון
הינטער דער ביהנע א שטימע וואס זינגט „וואויל איז דעם מענש“....
אללע בלייבען שטילל און הערען זיך צו, צו דער שטימע אין וואונדערן זיך— שרה
און קונץ דערהערן דעם בעקאנטען סיגנאל זאָגען נאָך פרעהליך:)
איין זיפץ פאָם הערצען אהין, אהין צום הימעל דאָרט!......
איז דיא ישועה דאָ אויף דעם אָרט! —

(מען זעהט וויא רבי יאָזעלמאַן קומט אָן אויף דעם טייך מיט א שיפעל —
אללע בויערן לויפען צו בייז—שרה און קונץ לויפען צו צום אופער און עמפפאנגען
איהם מיט אויסגעברייטעטע ארמע!)

ר ב י י אָ ז ע ל מ א נ ן (געהט ארויס פון דעם שיפעל און טהוט א געשרייא) שטעהט וויא מענליך רעטעט אייך קינדער ! דיא בע־וואפנעטע ריטטער אין אולריך און דיא שפיצע לויפען צו אייך און וויללען אייך בע־פאלען, רעטטעט אייער לעבען וויא מעגליך שנעל — עס וועט אייך גאָר נישט גע־שעהן, ווייל דער קייזער קארל וועט זיין מאָרגען אין וו אָ ר מ ס צום רייכסטאג, בייא איהם וועט איהר דעם בעסטען שוטץ געפינען געגען אייערע אונטערדריקער— איך וועל אויך דאָרט זיין —דערווייל רעטעט אייך שנעלל און לויפט אהין לינקס; ווייל זייא לויפען פון דאָרטען רעכטס—שנעל ! —

א ל ל ע (קוקען זיך אום) דער יוד האט רעכט ! (זייא לויפען אַוועק מיט מורא לינקס —אין דעם מאָמענט לויפען אָן דיא בעוואפנעטע ריטטער אן זייער שפיצע אולריך אויף א פערד רייטענד—זיי פרעגען זיך אלע--וואו ?—וואו ?—איין ענטפער— „דאָרט, דאָרט !" לויפען אוועק לינקס — אויף דעם טייך פאָן דער פערנע זעהט מען קונץ, שרה, רבי יאָזעלמאנן אין דעם שיפעל אוועק שווימען רעכטס וועהרענד זייא זינגען: „איין זיפץ פונים הערצען אהין... איבער דער געגענד פאנגט אָן טאָג צו ווערן....

דער פארהאנג פאלט לאנגזאם.

ענדע פון פירטען אקט.

פינפטער אקט.

(שטעלט פאָר א פרייער פלאטץ אין דער שטאט ווארמס ארום מיט בולעוואַרדען אים הינטערגרונד, איין ערהעבונג, אויף וועלכען א טהראָן מיט א באַלדאכין: פון ביידע זייטען אמפהי־טהאעטער — אלע ביימער זיינען בעפוצט טיט פערשידענע פאהנען וועהרענד דער פאָרהאנג געהט ארויף שפיעלט דיא מוזיק א מארש — עס קאָממען אין מארש סאָלדאטען — נאך זייא פאזשען נאָך זייא בירגער — ראָקאָקאָ געקליידט — נאך זייא סאָלדאטען און דער קייזער קארל — ער געהט ארויף אויף דעם טהראָן. אללע זינגען דיא קייזער הימנע און שרייען הורראַ.)

קייזער קארל מיינע טרייע קורפירסטען, פירסטען און העררן! וועהרענד איך דריק אייך יעצט אללע אוים מיין דאנק פרייט עס מיך זעהר צו זעהן וויא דער רייכסטאָג איז אזוי צאהלרייך בעזוכט דאָס וויזט וויא טיעף יעדער פון אייך טראָגט אין הערצען דאָס וואהרע געטריישאפט צו זיין גלויבען צו זיין נאציאן און פאטערלאנד, דאס איבערצייגט מיך, אז עס ווירד פון אצינד אָן וויעדער הערשען דער געווינשטער שלום צווישען דיא גלויבענס סעקטען וויא אויך אין גאנצען הייליגען רוימישען רייך דאָס איז מיין בעסטער ווילען וואס איך האב געווינשט וועהרענד איך האב בעטרעטען דעם טהראָן פון מיינע עלטערן, און האָפע איהם ווייטער צו ערפיללען מיט הילפע גאָטעס! — (ער זעצט זיך אניעדער אויף דעם טהראָן).

אללע הורראַ עס לעבע דער קייזער!

קארל הא? און דוא מיין ליעבער יאָזעלמאנן! וויא געהט עס דיר? — עס איז זעהר רעכט וואָס דוא ביסט אויך דאָ — איך בין דיר נאך שולדיג איין אלטען חוב איך האב נאָך דיין ביטשריפט וואס דוא האסט מיר געשיקט ניט אונטער געשריעבען, נור איך וועל מיט גאָטס הילף טהון! — נאָ! און וואָס איז יעצט דיין באגער? —

רבי יאָזעלמאנן אימטער אויף דיא זעלבע זאך מ יעסטעט! דיא זעלבע אנגעלעגענהייט וואָס האט מיך צוריק מיט א יאהר צוועלף צו דיר נאָך היספאניען געפהרט און פיהרט מיך שטענדיג צו דיר: איך זוך שוטץ, גנאדע, גערעכטיגקייט פאר מיינע אָרימע פערפאָלגטע ברידער איך האב געהערט אז אללע קורפירסטען און גראַפען האבען פעסט בעשלאָסען פון

דיר א בעפעהל צו פערלאנגען אללע יודען פון דעם דייטשען רייך ארויס צו טרייבען — בין איך געקומען יעצט איך זאָל מיין בקשה אים נאממען פון אללע יודען צו דיינע פים לעגען מאיעסטעט ! —

ק א ר ל יאָ מען דאָקוטשעט מיר זעהר פון אללע זייטען ווענען דיא יודען און
מיין הייליגע פפליכט אלס הערשער וואס מו פערטהיידיגען דיא אינ־
טערעססען פונים לאנד, וועט ניט קענען זיין דאגעגען דיא פארדערונגען צו ערפיללען.

ר ב י יאָ ז ע ל מ א נ ן אייערע מאיעסטעט איז פון דעם אלמעכטיגען גאָטט גיג־
זעצט דאָ אויף דער ערד אלס זיין ווירדיגער שטעל פער־
טרעטער צו זיין דאָ א ליעבפאָללער פאטער און בעשיטצער פון אלע זיינע אונטער־טהאנען און נישט צו לאָזען קיין רציחות — מיין קעניג און הערר ! שוין גענוג צרות און לייד האבען איבער געטראָגען מיינע אונגליקליכע ברידער פון אומזיסטיגע בלבולים ! גענוג פון מיינע ברידער זענען אונשולדיגערהייט גערויבט געוואָרען געטייט געוואָרען, און מיט ביטערע שמערצען זייער לעבען אונטער דער שרעקליבער פאָלטער, פארלאָרען — נאָר דאָס אלץ איז נאָך ווענינ געגען דעם אומגליק: פון זייער געבאָרענעם ווינקעל, פון זייער היים, ארויסגעטריבען צו ווערן !......און וועלען מוזען יונג און אלט מענער און פרויען, מיט זייערע קליינע קינדער ארומבלאָנדזען אין דער פרעמד וויא דיא אונבעהאלפענע שאָף אין זייער עלענד־לעבען זיך ארומ־טרייבען אונטער געפעהרליבע קראנקהייטען, הונגער און נויט—און פאר וואָס פאר א זינד ? פאר וואָס פאר א פערברעכען ? — דער פאר וואס זייא ווילען אויך אלס מענשען עסען א רוהיג עהרליך שטיקעל ברויט ? און לאָזען זיך אָפפערן פאר דיא בעלי בתים, וואָס וועלען זייא ערלויבען דיא ברעקלעך ברויט וואָס וועט פון זייער מויל א־אָפפאלען אויפצוהעבען און געניסען !—אה ! גרויסער הערשער ! מיר בעטען אונטער דיינע פליענעל שוץ, גנאדע און בארימהערציגקייט !

ק א ר ל מען דערצייהלט מיר פון דיינע יודען שלעכטע מעשים—זייא פאָדערן ניט
וויא דוא זאָגסט, נור א שטיקעל ברויט צו עסען פון דיא בעלי בתים,
וואס וואוינען בייא זייא ; נאָר זייא ווילען זאָגט מען, פון זייא אויסזויגען דעם מארך מיט זייער וואוכערען ! —

ר ב י יאָ ז ע ק מ א נ ן גנעדיגער קעניג אונד הערר ! מען בעשולדיגט דיא יודען
מיט דעם הטא, גלייך וויא בייא דער נאציאָן וואלט דאָס
וואוכערן געווען א געבאָרענע פאמיליענקראנקהייט, וואָס איז שווער אויסצוהיילען—
ווערענד, וויא דוא ווערסט באלד הערען, איז דיא קראנקהייט נאָר וויא געשטעלט

פּאַקען וואָס יענע מענשען האָבען עס אַליין צוגעטשעפּעט צום יודענס לייב!—און־זערע עלטערען אין פּאַלעסטינא זיינען שטענדיג געווען א פאָלק נאָר פון אקערבוי און פיה־צוכט: נעהם אַלע אונזערע שבטים: נ פ ת ל י האָט בעאַרבייט זיינע פעלדער — א ש ר האָט געפלאַנצט איילבוימער — י ה ו ד ה האָט זיך אָבגעגעבען מיט וויינגערטנער ר א ו ב ן, ג ד, מ נ ש ה האָבען געהאַט גרויסע טשערעדעס מיט פאַשע ז ב ו ל ן פאַבריצירט גלאָז אין קרישטאַל פון זיין הייסער זאמדיגער ערד און פאַרבט וואַלקליידער מיט דער זאַפט פון דער פּורפּור־שנעקע—י ש ש כ ר לערענט שטענדיג און שטודירט נאָר וויסענשאַפטען — פון ש מ ע ו ן און ל ו י קוממען אַרוים דיא הייליגע פאָלקס־לעהרער און פּריסטער — ערשט זייט אונזער הייליגע שטאָדט ירושלים איז צערשטערט געוואָרען און יעקבס קינדער זיינען צוזייט געוואָרען צווישען אַללע נאַציאָנען און לענדער—האָט מען פון אונז צוגענומען דיא בירגערליכע רעכטע און אונז פערבאָטען צו בעשעפטיגען זיך מיט אקערבוי און פיה־צוכט און מען האָט אונז געצוואונגען דורך קליינהאַנדעל אונזער לעבען צו ער־האַלטען, און פון דעם אָרעמען ריזיקירטען גראָשען מוזען זייא נאָך מיט אַלע גלייך צאָהלען איהרע שטייערן און אבגאַבען — לאָז מען ערלויבען מיינע ברידער אַנדערע בעשעפטיגונגען: גרונד און באָדען צו בעזיטצען, האַנדווערקע צו לערנען און צו אַרבייטען וועט איהר זעהן צו מען וועט זיך האָבען אויף זייא צו באַקלאָגען — איך וואָלט אַליין, אַלס זייערער בעפעהלס־האָבער, שטרענג דיא פּראָפעסיאָן פער־באָטען—נאָר דאָס וועט הייסען גלייך וויא איך זאָל זייא צווינגען לעבען אין ביטערן עלענד אָדער נייטין זייא אויסשטאַרבען פאַר הונגער — אָה גנעדיגער הערשער; בעשולדיג ניבער דיא, וואָס האָבען זייא דורך זייערע אונמענשליכע געזעטצע געבראַכט צו דער פּראָפעסיאָן —

א ו ל ר י ך מאַיעסטעט! — דאָס וואָס אונזערע בוירען האָבען געמאַכט דעם אויפשטאַנד זיינען דיא יודען שולדיג! זייא האָבען זייא מיט אַלעם מענגליכעס געשטיצט — דערפאַר האָט מען זייא פון אַנדערע לענדער פאַרטריבען—און זייא זיינען זיך אנגעלאָפען אין אונזער לאַנד—בעפאַלען וויא דיא היישעריקען אין זוינען אונז אויס ביז צום גרונד ווען מיר וועלען עס ווייטער אַזוי צולאָזען וועט אונזער לאַנד אָרעם ווערן און מיר וועלען צום גרונד געהן זאָלל זיינע מאַיעסטעט אַזוי גוט זיין און אונטערצייכנען אונזער ביטטע דיא יודען פון ג א נ ץ ע ל ז א ס א ר ו י ס צ ו ט ר י י ב ע ן!! — אָט האָסטו דיא ביטטע מיט דער אונטערשריפט פון אַלע פירסטען.—

ק א ר ל נאָ? וואָס זאָגסטו יאָזעלמאַנן? —

נעדיגער קעניג אונד הערר! —דאָס איינציגע גליק איז נאָך
פאר אונז יודען ווען א נזע־ע שונאים האסען אָדער פער־
פאלגען אונז פאר אונזערע בעהלער דען א פעהלער קען מען פארבעסערן...
אונגליקליכער זיינען מיר אבער, ווען אונזערע שונאים פערפאָלגען אונז וייל מיר זיינען צו שעהן.... און מיאוס מאכען זיך אליין צוליעב א שונא וועט א מענש קיינמאל ניט... אין מיין לעבען ליגט ניט אין דער טבע א מענשען שלעכטס צו טהון, אָדער אויף יענעם צו דאָנעסירען—דא אבער, אום צו פערטיידיגען אונזער אינטערעסע מוז איך דיך אויפמערקזאם מאכען, אז דער מענש (ער וויזט אויף אולריך׳ן) האט אורזאכע אויף אונז בייז צו זיין; וייל שוין א צייט אז ער פער־פאָלגט איין אונשולדיגע טאָכטער פון דיא יודען און וויל זיא נייטען זיין ווילען צו הערען — וועהרענד מען האט איהרע עלטערן גענצליך בערויבט זייער פערמעגע• טהוט דען דאס קינד מיט דעם אונרעכט אז עס לאָזט זיך ניט איהר איינציג פערמעגען דיא אונשולד רויבען צו לאסען? —

אולריך ווער קען עס מיר איבער צייגען יודע! —

קונץ (שפרינגט אריין אלס קלוין געקליידעט) איך! — הא! הא? — — —

איך בין דעם קייזערס האָפ־נאר, דער (וויזט אויף רבי יאָזעלמאַנן) דעם קייזערס האָפ־חכם און דוא ביזט דעם קייזערס האָפ־ליגנער! (אולריך ווערט בע־שטירצט) — איך האב געהערט אז דוא הייבסט אן דעם קייזער לאנגווייליגען און דאָס טאָר איך ניט דערלאָזען — איך האב געהערט וויא דוא האָסט אונז געליינט שטיינער אויף׳ן הערצען אז אונזער רייך לאנד דארף נעבאך מורא האבען עס זאָל ניט אָרעם ווערן פון דיא יודען— נא העלדען! איהר שטעהט און שעהמט אייך גאָר ניט? איהר שווייגט ווען ער בעליידיגט אונזער לאגד און דיא העלדען? — וואָס פאר א רייך לאנד האבען מיר און וואָס פאר א שטארקע העלדען זייט איהר אז איהר זאָלט מורא האבען פאר איין אָרים, קליין, יודעלע ער זאָל אייך ניט צו גרונדע ריכטען? — נעבאך א רחמנות! — עדלע הערדען און פירסטען שווייגט!— דער נאר רעדט! — איך ערלויב מיר אייך פאָרצושטעללען צוויא פערזאָנען דעם הערן (וויזט אויף קארלען) און דעם הערן (וויזט אויף אולריך׳ן) זייא האבען ביידע, דאכט זיך אייך, גלייכע נעז; נאָר דער חלוק איז צווישען זייא ביידע, וואס דער הייסט קארל מיט א „א“ און דער קערל מיט א „ע“ און וואס דער הייסט אין דער וועלט — קארל דער פינפטער און דער הייסט — „דער ערשטע קערל אין דער וועלט!“ — אָט דער ריטטערליכער קאליקע וואלט געוואָלט אללע יודען ארויס־טרייבען נאָר אללע יודענעס זאָלען בלייבען; וויל בייז איז ער נאָר אויף אין יודענע

זאָל איך דערציילען? — ער האט א שעהן יודיש מעדכען פון איהר פאטער און חתן אוועק גערויבט — זאָל איך דערציילען? — און צו זיך אין שלאָס געבראכט — און — זאָל איך דערצייכען? — און האט זיא געוואלט איינפאך טייטען — מיינט איהר פאר וואס? ווייל ער איז שיער געשטאָרבען פאר איהר און זיא האט נים געוואָלט מיט איהם פאר זיין טויט ווידוי זאָגען — נאָר חאָטש ער האָט איהר גע־וואָלט דאס לעבען נעהמען האט דאס בראווע מעדכען איהם אליין — וועהרענד דיא בוערן האבען איהם צוגעבונדען ביים פיסעל צום בוים כפרות שלאָגען, האט זיך דאס מעדכען איינגעשמעלט איהר טייער לעבען איהם געהאלפען צו ענטלויפען ער זאָל קענען זיין וואָלוויל לעבען ראטעווען — וויא איהר קוקט איהם אָן מיט מיינע נאָזלעכער — האט ער געוואלט וויא א שטן אויף מיך צו איין עבירה פארפיהרען — זאָל איך דערציילען? — ער האט מיר צוגעזאָגט פיעל געלד איך זאָל פאלש דאָנעסירען אויף דיא עלטערען און מעדכען — און דער בירגערמייס־טער פון אָבערנהיים האט אונז אללע ארייגעקנאקט אין קערקער — און האט אונז געהאָדעוועט אויף קהל'ס חשבון מיט געבראָטענע שפיזען און געקאָכטע אייזערנע לאָקשען—פון דער הייליגער כשרער קיך, עס וואלט אונז אללעמען דער רוח צוגענומען — האָט זיך באוויזען צו אונז וויא א מלאך פון גאָטט אָט דער רבי יאָזעלמאנן און מיט זיין געלערזאמקייט און חכמה מיט זיין זיסען מאראל האט ער מיך צוריק געבראכט אויף'ן גוטען עהרליכען וועג — איהם האב איך צו פער־דאנקען מיין חרטה, איהם האבען מיר צו פערדאנקען אונזער לעבען — לאָז אייך דער בירגערמייסטער עדות זאָגען —

קארל וואו איז דער בירגערמייסטער פון אָבערנהיים? —

פאָנלער מיין הערר איז קראנק האט ער מיך געשיקט איך זאָל איהם פער־טרעטען סישאט נט.

קוניץ שטעה גלייך בלי־דער הונד! — דאָס איז איין האָפליקער מיט דער גענ־זענע פעדער!

קארל און דאָס מעדכען לעבט? —

אהרן מיט ברוך'ן (קומען אריין פאללען צום קעניג מיט א ביטשריפט) גנאָדע גרויסער קעניג! מיין איינציגע טאָכטער האָט דער ריטטער אולריך אוועק געפיהרט— אָה מיין קינד! ערלויבט מיר נור איהר טהייערען קערפער צו זעהן —

קוניץ דאָס אי דער פאָטער און חת, פון דער אונגליקליכער מעדכען — וואס בעט איהר זיך בייא איהם נעבעך, בעט זיך בייא איהם (ער ווייזט אויף

אולריך׳ן) בייא איהם קענט איהר זיא האבען—דאָ ליגט דער הונד באנראָבען. —

אהרן מיט ברודן׳ן (פאלען דעם ריטטער אולריך צו דיא פּס) אָה מיינע טאָכטער! (מיינע ברויט) איך בעט אייך האט רחמנות גיט מיר צוריק מיין איינציגען שאטץ אין מיין לעבען אויב זיא לעבט — און ווען חלילה טויט, גיט מיר צוריק איהר טהייערען טויט׳ן גוף, דוא ביסט דאָך א מענש קיינע ווילדע חיה, ווילט איהר אייך דען נוקם זיין אין אינזערע טויטע קערפּערס אויך?

קונץ איהר זעהט פאר וואָס פאר א שאָף, אונזער לאנד און איהרע העלדען האבען מורא צו האבען! ווען ער נעהמט צו מיינע א טאָכטער וואָלט איך איהם פאר אייך אין דיא אויגען אויפגעשניטען דעם בויך, און דיא מענשען ליגען נאָך און וויינען און בעטען — שטעהט אויף נאראָנים נישט ביים טייפעל וועט איהר געפינען דעם מלאך — א מלאך זוכט מען צווישען מלאכים!...... (ער וויזט אויף רבי יאָזעלמאנן) מיר האבען זיא אייך אפּגעראטעוועט און געבראכט צו אייך א היים ריין, אונשולדיג וויא א מלאך נאָר מיר האבען אייך אין דער היים ניט גע־טראָפען איהר זייט שוין דא געוועז.

אהרן מיט ברודן׳ן (פאלען צו צו קונץ און רבי יאָזעלמאנן) אָה לעבען זאָלט איהר פאר דער בשורה! (זייא קושען זייא אין דיא הענד און פיס.)

קונץ ווארט, איך דארף מיך אָנפרעגען אין מיין הביתעל (צו קארלען) וויא זאָגסטו בעל הבית נאָ גיב א געלעכטערל—זאָל איך זייא אָפּגעבען זייער טעכטעריל? — ניין דו ביסט עלטער פון אונז עס איז נישט קיין דרך ארץ מען דארף דיך מכבד זיין מים דער מצוה; ווייל — טרייסטען הערצער איז דיין מלאכה רעטטען אונגליקליכע איז דיין מלאָכה, שטיצען געפאלענע איז דיין מלאָכה, — בעלוינען גוטע איז דיין מלאכה, שטראָפען שלעכטע איז דיין מלאָכה—דיין מלאכה דיין מלאכה (ער ווייזט אויף אולריך׳ן) האפען מיידען איז זיין מלאכה, זיין מלאכה...

קארל יאָה! האסט רעכט ברענג אריין דאָס קינד! —

קונץ ע מוזיקאנטען! נעהמט דיא אינסטרומענטען, שפּיעלט דעם נגון דעם בעקאנ־טען! — (מען שפּיעלט א מארש).

שרה (שעהן געקליידעט קומט אריין אין בעגלייטונג פון פאזשען—רבי יאָזעלמאנן נעהמט זיא אָן פאר דיא האנד—פיהרט זיא צום קעניג.)

קארל (נעהמט זיא אָן פאר דער האנד) אלס געטרייער פאטער פון זיינע אלע אונטערטהאנען אהנע אונטערשיעד דעם גלויבענס, איז מיינע הייליגע פפליכט צו איבען רעכט און גערעכטיגקייט — דוא פאטער האסט דיינע טאָכטער

און דוא חתן האסט צוריק דיין כלה און מיין זעגען דאבייא ! — נון און דוא „עד־לער" מענש ! (ער ווענדעט זיך צו אולריך) דיר וואָלט איך געראטהען אז דוא זאָלסט מיט לעזע־געלד אויסקויפען זיך פון דער זינד וואָס דוא האסט בעגאנגען— דיין שלאָס. וואס פאר איהר איז ער געוועזן פריהער א קערקער און האט געוואנט מיט איהר לעבען, זאָל איהר פערשאפען דאָס בעסטע לעבען דער שלאָס זאָל געהערען צון איהר ! —

ש ר ה ערלויבט מיר גרויסער קעניג אייניגע וואָרטען — — אונזער הארץ איז פאָל פרייד און דאנקבארקייט אז עס קען גאָר ניט געפינען קיין רייד אייך אויס צו דריקען אונזער הייליגע ברכה גרויסער הערשער ! דוא ווייסט אונז אבער ענט־שולדיגען, וואָס גראדע בייא דעם פאל קענען מיר ניט און טאָרען ניט אן נעה־מען דיא מתנה מיר יודען זוכען ניט יענעמס גוטס און שלעססער—נענוג גליקליך וואָלטען מיר שוין געווען ווען זייא זאלען אונז נאָר לאזען רוהיג אונגעשטערט לעבען אין אונזערע אָרעמע שטיבעלעך דאס וואָלט געווען אונזער רייכטהום און גליק — און דעם שלאָס ערלויבט מיר איבער צוגעבען דעם (ווייזט אויף קונץ'ן) מענשען, וואס ער דער איינציגער האט מיר גערעטעט מיין לעבען.

ק ו נ ץ אי, אי, אי, וואס ווילט איהר פון מיר — איהר ווילט מיינע גוטע טהאט אפקויפען בייא מיר פאר אינטערעס ? ניין ! מיין מצוה פארקויף איך ניט פאר קיין זאך אין דער וועלט — קונץ פון — דיא — ראזען איז בראוו — איהר אליין רבי האט מיך געלערנט (ער ווענדעט זיך צו רבי יאָזעלמאנן) איך בין אייער גוטער תלמיד — איך האב א גוט קעפעל נעהמט גוט איבער—און ווידער וויל איך גאָר אין דעם צימער ניט אריין טרעטען—דאָרטען—זאָל איך דערציילען ? — דאָרטען וואו דער מענש האט געמאכט — זאָל איך דערציילען ? — געמאכט איינע געהיימע פערשווערונג געגען מיין קעניג. — זאָל איך דערציילען ?

ק א ר ל פערליימדונג ? קונץ ! —

ק ו נ ץ איך בין דאמאלס געוועזן פערקליידעט. אלס פרויא האט ער זיך פאר מיר נישט געהיט — אמת געפינט איהר נור בייא מיר.—

א ו ל ר י ך (פאלט צו דיא פיס דעם קעניג) גנאדע ! —

ק א ר ל קאנצלער שרייב אָן איין אקט אין וועלכען דער ריטטער אולריך ווירד עקזילירט פונים לאנד און געהט נאך איספאניען לעבענסלענגליך— (צווייא סאָלדאטען פיהרען ארויס אולריך'ן ער געהט ארויס ניעדערגעשלאגען אין בעגלייטונג פון דער נארדע) קונץ ! צו דיר געהער דער שלאָס ברייננט מיר דיא ביטע איך זאָל אונטערצייכנען, דאס דיא יודען מעגען פרייא פאָן נון אן לעבען אים לאנד.

א ל ל ע עס לעבע אונזער קייזער אונד רעטטער ! אורראַ

ק א ר ל און דוא יאָזועלמאַנן זאָלסט פון מיר איין בעזאָנדערען אויסצייכנונג בעקומען — דיא קלאַגסט דיך, אז דיינע יודען האָבען קיין פערטהיידיגער אויף דער ערד, שעהן — איך זעטץ דיך אצינד אָן, אלס בעפעהלס־האַבער פון אללע יודען, ווען יעמאנד ווירד שלעכטס ווע‌לען פלאַנען נעגען דיינע ברידער, קענסטו אימער צו הילפע רופען דיא קייזערליכע מאכט. מיין טהיר שטעהט דיר שטענדיג אָפען — (ער טהוט איהם אָן איין אָרדען מיט א באַנד—רבי יאָזועלמאַנן קושט איהם אין דער האַנד.)

א ל ל ע האָך לעבע אונזער קייזער און אונזער בעשיטצער אורראַ !

(אללע זינגען און טאַנצען — גרופפע — אויף דעם טהראָן שטעהט קארל און רבי יאָזועלמאַנן אונטען אהרן, שרה, ברוך נידריגער אויף א טרעפּיל — פון בּידע זייטען פונים טהראָן שטעהט אמפּהי־טהעאַטער מאַסען פירסטען און ריטטער צווייטע רייהע פּאַזשען דריטע רייהע פיעלע יודען און פרויען תּיים געקליידעט מיט ברענענדע ליכט אין דיא הענד אויף דער ביהנע זינגען און טאַנצען אין דערמיט קונץ.)

גאַטטעס וואונדער.

....

1.

א מאָל האָט זיך דיא אומה אָן געקעהרט
מיט היידען דיא בלדייער
אז עס איז דאָ איין גאָטט האָט ער ערקלעהרט
איינער איין העברעער
און איהם האָט גאָטט א זאָג געטאָהן
הער מיך אויס אַברהם׳ל
קוק דעם הימעל און דער ערד אָן
דאס וועט זיין מיין קרעטיל
איך וועל דיך מאַכען גרויס
פון דיר וועט ארויס
א פּאָלק וואס וועט זיין געטליך

די נאַטור מיין איך
האלמען וועל איך
און דוא ווערסט מישען דיא בלעטלאך.
אין א יעדען דור וועל איך אייך נור
בעווייזען גרויסע וואונדער
אז איהר וועט נאר זיין וואהל גוט און פיין
מיר—געטרייע קינדער.

2.

איידער ער האַט זיינע קינדער געבראַכט
צו זיך אין ירושלים.
האבען זייא 400 יאהר פערבראַכט
אין דעם לאַנד מצרים
מען האַט זייא דאָרט זעהר שטארק געדריקט
ביז נאַטט האַט דערהערט זייערע קלאנגען
און האַט אויף דעם לאַנד אַן געשיקט
וואונדערליכע פּלאגען
א חיה וואָס פרעסט
א האָגעל א פּעסט
א פינסטערין מלאך המות
ביז פרעה אליין
האַט זייא געהייסען געהן
און האַט זייא נאך געגעבען אויף הוצאות.
אזוי וועל איך אייך בעווייזען א סך
גרויסע שטארקע וואונדער
אז איהר וועט נאר זיין וואהל גוט און פיין
מיר – געטרייע קינדער.

3.

ארום געגאַנגען זיינען זייא 40 יאהר
אין דער הייסער וויסטע
פון וואסער איז דארט געוועזן קיין שפור
נאר זאמד און שטיינער פּיסטע

פון א שטיין וואסער האט זייא געצאפט
משה דער מיוחס
און פאַן הימעל האבען זייא געחאפּט
ברייטלאך כצפּיחות־
פיינעלאך א סך
זיינען צו זייא גלייך
אליין צופליהען געקומען
שנייט אונז דיא קעפּ
און קאָכט אונז אין טעפּ
און לאָז אייך וואָהל בעקומען.
אזוי וועל איך אייך בעווייזען א סך
גרויסע שטארקע וואונדער
אז איהר וועט נאָר זיין וואָהל גוט און פיין
מיר—געטרייע קינדער.

4.

ארויס געגאנגען פון מצרים זיינען זייא קאם
איז פּרעה זייא נאכגעלאָפען
מיט זיין גאנצער מחנה ביים ים
האָט ער זייא אָנגעטראָפען
ער וואָלט פון זייא געמאכט איין עק
זייא וואָלטען געוועו פערלאָרען
האָט גאָטט געטאָהן א פייף פאר שרעק
איז דער ים פערגליווערט געוואָרען.
און פּרעה׳ס מיליטער
האבען אין דעם מעער
געפונען זייער קבורה
און אונזערע לייט
פון יענעם זייט
האבען פריילּיך געזונגען דיא שירה.
אזוי וועל איך אייך בעווייזען א סך
גרויסע שטארקע וואונדער
אז איהר וועט נאָר זיין וואָהל גוט און פיין
מיר—געטרייע קינדער.

5

יעצט אז איהר וועט דארפען ריידען צו מיר
קענט איהר פון ירושלים.
מיין ענטפער וועט איהר בעקומען פריהער
פון דארט מן השמים
אזוי האט געזאגט צו זייא זייער גאָטט
ווען ער איז פון זייא געשיעדען
נאָר דעם קאָנטראקט דיא צעהן געבאָט
שרייבט מיר אונטער איהר יודען
האלט איהר עס אויס
מאך איך אייך גרויס
אז היא גאנצע וועלט וועט קאָבען.
אָבער וועט איהר
פארגעססען אָן מיר
אוי וועל איך אייך שווער בעשטראָפען.
און דאן וועל איך גלייך פארגעסען אָן אייך
נישט מעהר בעוויזען קיין וואונדער
ווען איהר וועט נישט זיין וואָהל גוט און פיין
צו מיר—אונגעטרייע קינדער.

ע נ ד ע.

— פאלשטענדיגעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

ווערטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער ־אויסנאהמע וואס דיא ערקלעהרונגען זיינען אביסעל אבגעקירצט.

פרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכ'ן אי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ'ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

ניע אידישע מוזיק

פיר

פיאנא אונד וויאלין.

דער אידישער טרויער מארטש.

נאך דיא הרוגים פון קישיניעוו אראנזשירט פון פערלמוטער אונד וואהל פרייז פיר פיאנא אדער וויאלין.................. 20 סענט.

חתן כלה.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 6 בויגען, 1טער בויגען: דיא בייטש, 2טער בויגען: א תענוג ביי אידען, 3טער בויגען: אז גאט וויל שיסט אבעוים, 4טער בויגען: דיא פיסע האפנונג, 5טער בויגען: עינינו ביום צרותינו, 6טער בויגען: דאס בייגעלע, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 6 בויגען צוזאמען.............. 90 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.............................. 20 סענט.

דער ישיבה בחור.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 2 בויגען, 1טער בויגען: דער קדיש, 2טער בויגען: אל מלא רחמים, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט,ביידע בויגען צוזאמען....... 30 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.............................. 20 סענט.

כל נדרי.

ניי אראנזשירט פון א. רוסאטאטא, פיר פיאנא אונד וויאלין מיט דיא הערטער פרייז פיר פיאנא אדער וויאלין.............................. 20 סענט.

מאן אונד ווייב.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 4 בויגען, 1טער בויגען: פעטער מלך, 2טער בויגען: אי לו לו און מלך און מלכה, 3טער בויגען: מאן און ווייב, 4טער בויגען: מאטע מאמע מזל טוב, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 4 בויגען צוזאמען...... 60 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.............................. 20 סענט.

מלכה שבא.

אראנזשירט פיר פיאנא אין 5 בויגען, 1טער בויגען: שלאף באללעט, 2טער בויגען: מארטש פון מלכה שבא, 3טער בויגען: שלמה המלך'ס צוואה, 4טער בויגען: גוטער ברודער ניט געהאפט, 5טער בויגען: מען וועט דיר קיין זאך ניט מיט געבען אין קבר, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 5 בויגען צוזאמען.............. 75 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען.............................. 20 סענט.

שבת האלמען פון ש. שמולעוויטץ.

אראנזשירט פיר פיאנא אדער וויאלין ביי א. רוססאטטא אין 1 בויגען פרייז 20 סענט.

שטילע חתונה.

אראנזשירט פיר פיאנא פון פערלמוטער און וואהל אין 3 בויגען, 1טער בויגען: דיא אמת'ע אידישע הארץ, 2טער בויגען: טאקי דאס, 3טער בויגען: אונד שוין, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אלע 3 בויגען צוזאמען..........50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען..........20 סענט.

שטעה אויף מיין פאלק.

פון גאלדפאדענס בעריהמטע פיעסע ני־בע־ני־מע אראנזשירט פיר פיאנא פון רמשינסקי, פרייז..........20 סענט.

מארים ראזענפעלד'ם ליעדער.

אראנזשירט בייא ה. א. רוססאטטא פיר פיאנא אונד געזאנג, פרייז..........50 סענט.

מאגולעסקא'ם תחית המתים (רעסורעקשאן).

אראנזשירט ביי א. רוססאטטא, פרייז פיר פיאנא 35 סענט, פיר וויאלין 20 סענט.

שלמה המלך, פון זיגמונד מאגולעסקא.

אראנזשירט פיר פיאנא בייא ה. א. רוססאטטא, אין 4 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אללע 4 בויגען צוזאממען..........75 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בוך..........25 סענט.

יציאת מצרים, פון פראפעססאר הורוויץ.

מוזיק פון פערלמוטער אונד וואהל, קאמפליט אין 3 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אללע 3 בויגען צוזאממען..........50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען..........25 סענט.

יוסף מיט דיא ברידער.

אראנזשירט פיר פיאנא בייא ה. א. רוססאטטא, קאמפליט אין 3 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אללע 3 בויגען צוזאממען..........50 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 2 בויגען..........04 סענט.

דיא אידישע חתונה, פון פראפעססאר ה. א. שאפירא.

קאמפליט פיר פיאנא אין 5 בויגען, פרייז פון יעדען בויגען 20 סענט, אללע 5 בויגען צוזאממען..........75 סענט.
דיטא פיר וויאלין אין 1 בויגען..........25 סענט.

צו בעקומען בייא דיא

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street. New York.

שפה חיה

— מאת —

פסח ליב פישמאן ומנחם מענדיל ליעבערמאן.

דיא מעטהאדע וואס האט געעפענט
דיא אויגען פון לעהרער און שילער.

ווען דיא מעטהאדע „שפה חיה“ (איבערהויפט דער צווייטער טהייל) איז זיין ערשטען מאל ערשיענען איז ארויסגערופען געווארען א שטורעם אין דער פעדאגאגישער וועלט.—פעדאגאגען און פראקטישע לעהרערס זיינען געשטאנען און זיך געוואונדערט, וויא האט מען דאס געקענט אויסקומען ביז אהער אהן אזא ניטצליכע און פראקטישע מעטהאדע, וויא דיא „שפה חיה“ איז.

און ווירקליך האבען זיך בייא דיא לעהרערס דיא אויגען געעפענט דורך דער „שפה חיה“ וועלכע שניידט דורך א גראדען וועג אין דער העברעאישע שפראכע און מיידעט אויס אללע בערג און טהאלען פון דיא פריהערדיגע מעטהאדען, וועלכע זיינען אנטקעגען איהר וויא פוס-געהער אנטקעגען איין עקספרעסס טריין.

פון דער „שפה חיה“ לעהרענט א שיללער אויס אהנע שוועריגקייטען אין א קורצע צייט כמעט דיא גאנצע העברעאישע שפראכע מיט'ן דקדוק צוזאמען, דער שיללער דארף זיך נישט אנשטריינגען צו לעהרנען דיא טויזענדע טרוקענע כללים פון דקדוק ווייל דורך לעהרנענדיג דעם „שפה חיה“ און איבערהויפט „שפה חיה“ חלק שני, וועלכער איז אנציהענד מיט דיא שעהנע מעשה'לאך: חידות, וויטצען און אנעקדאטען, ווייס ער שוין ממילא אללע רעגלען פון דעם העברעאישען גראממער און איז פעהיג אליין אנצושרייבען א העברעאישען בריעף אהנע פעהלערען, צו דער זעלבער צייט האט ער שוין אויך א גוטען בעגריף פון דער ביבלישער געשיכטע און פילע אידישע מנהגים.

אין בית המדרש בלי חדוש. מיר האבען אין אונזער נייער אויפלאגע פילע פערבעססערונגען געמאכט דורך דער שעהנער דרוק און גוטען פאפיער און פראכטפאללע בילדער, וועלכע בעציבערען דעם שיללער און גיעבען איהם דיא מעגליכקייט צו פערשטעהן אליין א זאטץ אהנע דיא הילפע פון לעהרער.

אויסער דעם האבען מיר צוגעגעבען פילע זאכען, וואס האט געמאכט דעם ספר פאר א דבר שלום.—גאר א קלייניגקייט, דאכט זיך, וואס איז א שוא נע? בייא אונז איז איינפאך: א שוא נע איז אזוי—; און א שוא נח איז אזוי—:

מיט איין ווארט דיא צוויי טהיילען „שפה חיה“ האבען געוואונען דעם פרייז, און יעדער לעהרער וואס וויל מאכען גרינגער זיך און דעם שיללער זאל לעהרנען נור פון דיעזער מעטהאדע.

פרייז פון ערשטען טהייל 15 סענט. | פרייז פון צווייטען טהייל 25 סענט

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85 Canal Street, New York.

קאטאלאג
אונד פרייז־קוראנט

אויפ'ן פידעל שלום עליכם	5
אונגליקליכע אמאליע	2.00
אוריאל אקאסטא	.10
איבער געלד און עהרע	.75
אידישע ביהנע 1טע טהייל, טהעאטער קריטיק	.25
אידישע ביהנע 2טע טהייל, טהעאטער ליעדער	.40
אידישע געשיכטע פון פ. וויערניק	.75
אידישע קרבנות	.15
אידישער קאנגרעס אין באזעל	.03
אייז־מעער	.20
אינדיאנער פירסט	.40
אין שטראם פון רעוואלוציאן	.05
אלט־נייאלאנד, דר. הערציל	.50
אמעריקאנישע הגדה	.03
אשמדאי	.05
ביטערע נקבה	.25
ביים טהיר פון גן־עדן	.05
בלאנדער יונגער מאנטשיג	.25
בעטלער גרעפין	.40
בערויבטער קבר	.10
ברוך שפינאזא	.20
גאטטהייט	.10
גאלד גרובען פון קאליפארניע	.60
א גאסט פון יענער וועלט	.05
גוטער טייפעל, שמ"ר	.35
גלות מאסקווא	1.50
געבילדעטער מערדער	1.50
געהיימער מארד	.05
געהיימע יודען	.15
געזוכט און געפונען	.60
גערויבטע קינד,	2.00
געריהמטער טרעפער,	.05
געשיכטע פון אמעריקא,	.15
גראספירסט קאנסטאנטין,	1.25
גראף מאנטא קריסטא	.40
גראף עסטערהאזי,	.40

גראף פאטאצקי,	.05
גרעסטער דעטעקטיוו	.10
דאן קיכאט, פון א. הארקאווי,	.75
דאקטאר און צויבערער,	.10
דור הולך ודור בא, א. גאלדפאדען	.25
דער משוגענער פילאזאף, א. גאלדפאדען	.25
דריי פארשווינען,	.05
דרייפוס, פון יאהאן פאליי נויארק,	1.50
הגדה פיר בארדער,	.03
הייראטה פון ד. מ. הערמאליג	.25
הימעל און וואסער.	.45
היפנאטיזמוס,	.03
המן'ס מפלה,	.03
הערשעלע, דינענזאהן,	.15
וואשינגטאן, (ערשטער פרעזידענט אין אמעריקא)	.10
וויכנא דוואשא פאהרט אין אמעריקא	.02
וויכנא דוואשע פאהרט פון אמעריקא	.05
וויכנא דוואשע דיא שדכנ'טע	.10
ווילדע מענשען,	.10
אין ווילדען אפריקא	.10
וויעדער אין דער היים, 2טע טהייל פון א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען	.10
א וועלט אהן טרעהרען,	.03
וועלט באנדיטען,	.45
זילבערנע האכצייט	.10
חאדישי סטאווראס,	.10
חכמת היד,	.03
חרם דרבנו גרשם,	.10
טיראן,	1.25
טיראנישע מוטער,	2.00
טערקישער משיח,	.05
טרילבי,	.10
יאסעלע, דינענזאהן	.15
יאקום בעמבע,	.03
יודקע שמערקעס פאהרט נאך אמעריקא	.05
יודקע שמערקעס גליקען אין אמעריקא	.10
יונגער שיפסקאפיטאן, 2טער טהייל, פון אין ווילדען אפריקא,	.10

ישוע הנוצרי, ד. מ. הערמאלין,	.10
ישוע הנוצרי אָדער יוסף פאנדרי,	.10
לא תרצח פון פרענקעל 1טער טהייל,	.10
לא תרצח " " 2טער טהייל,	.15
לא תרצח " " 3טער טהייל,	.15
לא תרצח " " 4טער טהייל,	.15
ליטווישער קעניג פון דיא שנאָרערס,	.25
ליעבע פון ד. מ. הערמאלין,	.10
ליעבע און מיליאָנען,	.45
ליעבע און ראכע,	.75
ליעדער אלבום	.20
לעצטער בלוט שטורץ,	.10
מאדאם באבעטא,	.10
מאדאם יצר הרע,	.15
מאריא מאגדעלענא	.03
מגילת דרייפוס,	.03
מזיקים, פון ב. גארין,	.10
מחמד,	.05
מסתרי פאריז,	.60
מעשי בראשית,	.15
משוגענער פילאָזאָף, גאָלדפאדען	.25
נקמה פון אַ בר־מנן,	.15
נתן דער חכם,	.10
סאפהאָ פון אלפאָנז דאָדע,	.15
סטעמפעניו, פון שלום עליכם,	.15
סיבירישער אייזענבאהן,	.25
עדעלשטאטס געדיכטע,	.15
פאוסט פון געהטע,	.10
פאסקארעלא,	.10
פליה מאשין,	.10
פלעוונא,	.25
פסח מאגאזין 100 זייטען,	.10
פעדלער, שמ"ר,	.15
פעטער שמואל, יאפפע	.10
פערלאָרענע שיף,	.50
פראנצויזישע רעוואָלוציאָן,	.25
פרוכט פון זינד,	.10
פרייע ליעבע,	.15
פרינצעסין צולייקא,	.10
פרינץ אלם דעטעקטיוו,	.45
פריץ'ס מעשה'לאך,	.05
פריץ'ס שריפטען,	1.50
פתרון חלומות,	.05
צוואנציג אידישע פאָלקס ליעדער פון אליקום צונזער,	.25
צוואנציגסטער יאהר־הונדערט	.10
צווייא פאָרלאך,	.10
קאָלומבוס,	.03
קאמעליענדאמע, פון דיומא,	.30
קארמען דעם טייוועלס טאָכטער,	.05
קיובא,	1.00
קין'ס צואה, א. טאנענבוים,	.15
קליינע מענשעלאך,	.10
קלעאָפאטרע,	1.00
קעטען און קראָנען,	.50
ראָטהשילדס ביאָגראפיע,	.10
ראָמאנען אלבום,	.15
רוסישע געהיימניסע,	2.00
ריעזען,	.10
אַ רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען,	.10
אַ רייזע ארום דער וועלט אין 80 טעג,	.25
אַ רייזע אין הימעל,	.10
אַ רייזע צו זיד פאָל,	.15
רעגינע,	.15
רמבמ"ס לעבענס בעשרייבונג,	.03
שאילאָק, שעקספיער	.15
שווארצע דיאמענטען,	.15
שווארצע האנד,	.45
שווארצע חברה,	.25
שווארצע קונסט,	.10
שווינדלער,	.10
שטאָדט מסור,	.15
שטארקער פון אייזען,	.85
שטומער בעטלער,	1.25
שטיינערנער מענש, שמ"ר,	.50
שעהנע העלענא,	.05
שפאניש־אמעריקאנישער קריעג,	.40
אַ שפאציער אין גיהנום,	.03
אַ שפיצעל פון א פורים שפיעלער,	.03
שרעקליכע געהיימניס, שמ"ר,	.15
תחית המתים, פון נאָרדוי,	.03

גראף טאלסטאי'ס ביכער.

איוואַן איליטש'עס טויט, .10
איוואַן דער נאַר, .03
איך און מיין מאַן, .10
אַננאַ קאַרעניגאַ, .25
טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע, .03
מיין ווידוי, .10
מיין פריינד'ס פרויא, .10
דער נסיון, .10
פאַליקושקאַ, .10
דיא פערפיהרונג, .10
צווייא דורות, .10
קריעג און פריעדען, .50
קרייצער סאָנאַטאַ, .10
תחית המתים, .15

עמיל זאלא'ס ביכער.

בלוטיגע חתונה, .10
אַ גלח'ס זינד, .10
דיא דארפס מיידעל, .10
ווייבערשער גן־עדן, .25
זשערמינאַל, .40
דער טויט שלעגער, .30
ליעבעס נאַכט, .10
לעבען און טויט, .10
מענשליכע בעסטיעס, .15
נאַנאַ, .35
נאַנטאַס אָדער דער געקויפטער מאַן, .10
פערגיפטעטער קוס, .25
פאַריזער דאַמען, .10
פון חופה צום קבר, .10
פרויען־ליעבע, .10

אבראמאוויטץ'ס ווערקע.

אַלטע מעשה, .10
דאָס ווינש פינגעריל, .15
דיא טאַקסע, .15
יודעל, .15
ישראליק דער משוגענער, .10
פישקע דער קרומער, .15
דער פריזיוו, .15
דיא קליאַטשע, .15
קליין מענשלע, .15
רייזע בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען .10
שלמה ר' חיים'ס, .10

גאלדפאדענ'ס טהעאטערשטיקע (פיעסען.)

אחשורוש, .10
באָבע מיט'ן אייניקעל, .10
ביידע קוני לעמעל'ס, .10
בר כוכבא, .10
דאָקטאָר אַלמאָסאדאַ, .10
כשוף מאַכערין, .10
מליץ יושר אָדער ר' יאָזעלמאַן, .10
קבצנזאָהן און הונגערמאַן, .10
שולמית, .10

שייקעוויטש'ס טהעאטערשטיקע

דיא קאָקעטע דאַמען, .10
דיא שפּאַנישע אינקוויזיציאָן, .10

וויטצען ביכער.

אַמעריקאַנישער וויטצלינג, .05
אַנעקדאָטען בוך, .05
הערשעלע אָסטראָפּאָליער, .10
וויטצען אַלבום, .15
וויטצען פון קאָרט, .03
חייקיל דער ליץ, .05
מאָטקע חב"ד, .05
שייקע פייפער, .05

מעטהאדעס צו לערנען ענגליש.

אָלענדאָרף'ס מעטהאָדע מיט'ן שליסעל, 1.25
אַמעריקאַנישער לעהרער, בראָשירט אין טאַשען פאָ־מאַט, .20
אַמעריקאַנישער לעהרער, געבונדען אין טאַשען פאָרמאַט, .25
דייטש פיר אָנפאַנגער, .05
יודיש־אַמעריקאַנישע שוהלע, געבונדען, .25
ענגלישער אלף־בית .05
נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע בראָשירט .25
נייעסטע ענגלישע מעטהאָדע, געבונדען, .35
ענגלישער לעהר־בוך, .15
ענגלישער לעהרער, בראָשירט, .30

הארקאווים ענגלישער לעהרער, געבונדען, .40
ענגליש רוסיש מעטהאָדע, געבונדען, .35
נוראק'ס ענגליש־רוסיש מעטהאָדע, .65
קראַנץ'ס מעטהאָדע, .75
תורת לשון אנגלי, א ענגליש־העברעאישע מעטהאָדע, .25

בריעפענשטעלער.

הארקאווים ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער יזון ספעלער, .30
הארקאווי'ס בריעפענשטעלער געבונדען, .40
ווארן'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, .75
פריינקעל'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, .25
הארקאווי'ס ענגליש־יודישער בריעפענשטעלער, פאָלשטענדיג 1.00

ווערטער ביכער.

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס טאשען ווערטער־בוך, קלאָט באנד, .65
דיטאָ לעדער באנד, .90
ענגליש־יודישעס האנד ווערטער־בוך געבונדען, 1.00
פאָלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך, געבונדען, 2.25

מעטהאדעס.

דער סיטיזען נאכ'ן נייעם געזעץ, .05
אריטהמעטיק, אָדער רעכען לעהרער, .10
בוכהאַלטונג און געשעפטס־פיהרונג, .25
דאָקטאָר־בוך, פון דר. לאנדעס, .25
דער לאָיער, לאַנדעס געזעצע, .10

קאָך בוך וויא צו קאָכען און באקען, .25
קאַנסטיטוציאָן פון דיא פעראייניגטע שטאַאטען, און דער סיטיזען נאכ'ן נייען געזעץ פון א. הארקאווי, .10
דער עמיגראַנט דיא געזעצע פון איינוואַנדערונג, .10
קאשינגס האַנד בוך, מיטינגס געזעצע, .25
קאשינגס האַנד בוך געבונדען, .30
שוואַנגערשאפט און קינדער ערציהונג, .15

מעטהאדעס פיר קינדער צו לערנען פון אנפאנג אלף־בית.

אַלף־בית באותיות גדולות מאד, .03
וואַנט אַלף־בית, פיר חדרים אויף לייוואנד, סייז 44x28 .50
המכין מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג .15
בית הספר, מיט אידישער און ענגלישער איבערזעצונג, שניידער .35
דברי הימים לעם בני ישראל, געבונדען, 15
שלחן ערוך לבני הנעורים, .15
ההתחלה, הלל מאלאכאָווסקי .10
המתחיל מיט 150 בילדער, געבונדען, .15
הפדגוג העברי מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15
למדו היטב פון מ. פיק, .05
למודי הקריאה מיט ענגלישע איבערזעצ. .10
מורה לשון עבר, הלל מאלאכאָווסקי .25
ראשית דעת שפת עבר, קרינסקי .15
שפה חיה מיט 200 בילדער, געבונדען, .15
שפה חיה חלק שני, .25
תולדות ישרון מיט ענגלישע איבערזעצונג, געבונדען, .15

דיעזע אַללע ביכער, בראָשורען, מעטהאָדעס און ווערטער ביכער זיינען פאָלשטענדיג גאראַנטירט אַז עס פעהלט ניט איין בלאַט, דיא פרייזען זיינען נור פיר יחידים (איינצעלנע קויפער'ס) בוכענדלער בעקומען אַ גרויסען ראַבאַט (דיסקאונט).

דיא אַללע ראָמאַנען און העפטען זיינען ניט געבונדען, ווען יעמאַנד וויל זיי האָבען געבונדען בערעכענען מיר 5 סענט פיר יעדען בונד פון 10 העפטען און 6 סענט פיר יעדען בונד פון 15 העפטען.

צו בעקומען בייא אַללע בוכהענדלער וויא אויך בייא

HEBREW PUBLISHING CO., 83-85 Canal St. New York.